STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04806

TOYRE VERTLAKH UN ANEKDOTEN

Israel Lipski

Permanent preservation of this book was made possible
by Alan Marsh
in memory of
Joseph & Ida Marsh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

תורה ווערטלאַך
און אַנעקדאָטען

א זאַמלונג פון תורה ווערטלאַך, שיחות חולין, אַנעקדאָטען, געדאַנקען,
הומאָר און בליצען, אויך איינינע דרשות פאַר יו"כ

געקליבען פון:

ישראל ליפּסקי הכהן
ביאַליסטאָק

מחבר פון „עזרת ישראל"

רב פעיר דעטראָיט,
BBI M. ZAGER
OIT, MICH.

ארויסגעגעבען פון
בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
27 קאַנאַל סטריט, נויאָרק, נ. י.

RABBI M. ZAGER
DETROIT, MICH.

Copyright, 1934, by
Pardes Publishing House, Inc

Posy-Rosenbloom-Shoulson Press
19 West 21st Street, New York
234

אן איבערבליק וועגן דעם מחבר פערזענליך

צו באקענען דעם לעזער מיט דער פערזענליכקייט פון ר׳ ישראל ליפסקי, דער מחבר פון די וויצען, וועלכע זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון דעם פארלאג „פרדס״, וויל איך זאגען איייניגע ווערטער.

ר׳ ישראל ליפסקי פון ביאליסטאק, וועלכען איך קען גרינדלעך שוין מעהר ווי 30 יאהר, פערזענליך און שריפטליך, איז איינער פון די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון דער גרויסער שטאדט ביאליסטאק, און זיין גאנץ לעבען האט ער אפגעגעבען פאר טובת הכלל, ניט אכטענדיג אויף זיין טיפער עלטער (ער איז שוין איבער אכציג יאהר, זאל ער מאריך ימים זיין), האט ער זיך קיין מאל ניט אנטזאגט צו אפגעבען זיין גרויסען רעדנער טאלאנט, וועלכער איז אויסער טיפזיניגע געדאנקען, דורכגעוועבט מיט וויצען, משלים און שיחות חולין של ת״ח. פאר אלע וואהל־טעטיגע זאכען אין שטאדט, און מאנכעס מאל אויך אויסערן שטאדט אין די קליינע שטעדטלאך ארום ביאליסטאק, וועלכע האבען זיך גענויטיגט אין זיין הילף, און אלעס אומבאצאהלט.

אין זיינע אינגערע יאהרען האט ער פארוואלטעט מיט א גרויסער העב־רעאישער שוהלע אין דער שטאדט קאוועל, און האט ערצויגען א דור תלמידים באוואוסטזיניגע אידען, וועלכע זיינען א כבוד פאר׳ן אידישען פאלק. איינער פון זיי איז דער באוואוסטער פראפעסאר ישראל פרידלענד ז״ל, וועלכער איז אומגעקומען על קדוש השם אין אוקראינע.

מיט עטליכע און דרייסיג יאהר צוריק האט ער זיך באזעצט אין ביא־ליסטאק, און דארט פארטגעזעצט זיין פעדאגאגישע ארבייט. צו דער זעלבער צייט האט ער אויך א סך געשריבען אין פארשידענע צייטונגען אין אידיש, העברעאיש און רוסיש, און האט ארויסגעגעבען איייניגע ספרים. דער לעצ־טער בוך זיינער איז דער באוואוסטער ספר דרוש „עזרת ישראל״, וועלכער איז געווארען זעהר פאפולער צווישען דרשנים, און איז פארקויפט געווארען אין א סך הונדערטער עקזעמפליארען אויך דא אין אמעריקע, דורך דעם פארלאג „פרדס״.

דער יעצטיגער בוך, וואס ליגט פאר אייך, איז נאר א קליינער טהייל פון זיין אומערשעפליכען קוואל פון וויצען און בליציגע געדאנקען, מיט

וועלכע ער איז באַגאַבט. און יעדער אינטעליגענטער לעזער, וועלכער האָט
אַ חוש פאַר אַ גוטען וויץ, משל און אַנעקדאָט, וועט געוויס עמפּפאַנגען דעם
בוך מיט פאַרגעניגען.

אײנער פון זײנע פאַרהערער,

זלמן העללער

ברוקלין, אױגוסט 17, 1934.

מנחם
רב בעיר דעטראָיט, מיש.
RABBI M. ZAGER
DETROIT MICH.

פון וואַנען הויבט מען אָן רייניגען?

טרעפּ — מוז מען רייניגען פון אויבען. דאָס איז א בעשטימטע זאך.

באַהיט און „באַשערימט"

איך האָב צוויי טעכטער, זאָלען געזונד און שטאַרק זיין, שוין אין די יאָהרען, נאָר ווינשט ניט אז זיי זאָלען „באהיט" און „באשירעמט" ווערען, ווייל קויפען זיי נייע היט מיט שירעמס קאָסט אזוי פיעל געלט, וואָס איך בין ניט אימשטאַנד ביי היינטיגען קריזיס אויסצוהאַלטען.

די גרינגסטע זאַך און די שווערסטע

מען האָט געפרעגט א חכם, וואָס איז די שווערסטע זאך אויף דער וועלט און די גרינגסטע. זיין ענטפער איז געווען פאָלגענדער:

— די שווערסטע זאך איז — צו געפינען אייגענע פעהלערען. די גרינג־סטע זאך — יענעמס פעהלערען.

עסט—רייך

עסטרייך־אונגארען האָבען זיך געמוזט מיט דער צייט צו שיידען. דען עס קענען ניט הארמאָנירען די וואָס האלטען ביי רייך עסען מיט די וואָס הונגערען. און פון דעם קומען ארויס היינט אלע מלחמות, קריזיסען און קאָנפליקטען.

אַ ווערטעל

זינט יונגע מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען גאָלען איז שווער געוואָרען פאר יונגע מיידלאך צו באקומען א ב א ש ע ר ט ע ן.

„אַז עס איז באַשערט קומט עס אין שטוב אַריין"

אזוי האָט געזאָגט אַ איד סוף מלחמה בעת די עקסצעסן. ער האָט זיך געהיט מיט זיין לאַנגע באָרד ארויסגעהן אין גאַס, פאַר די עקסצע־סען מאַכער און בערד שניידער. האָבען צוויי האַלערשציקעס אריין געריסען זיך אין שטוב און אָפּגעטאָן זייער שענדליכע ארבעט.

ישראל ליפסקי

אַן ענטפער פון אַ מאַן פון אַ שלעכטער פרוי

איינער האָט זיך אמאָל שטאַרק באַקלאָגט אויף זיין פרוי, אז זי איז עס די אמתע ארורה, די קסאַנטיפּעס. ענטפערט איהם דער צווייטער, דאָס אזוי זיינען שוין אלע פרויען, דען זיי זיינען אזוי ווי פון איין שטיק אויס־געוועבט.

— פון איין שטיק! — ענטפערט דער מאַן — אָבער אין יעדער שטיק סחורה איז דאָך דאָ א שלאַק. און מיינע איז גראַדע פון שלאַק.

איין פּאַסיקעל איז אויך גוט

נאָך דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען, וואָס איז געווען זעהר שלעכט צו אידען איז געוואָרען קיסר זיין טראָן נאָכפאָלגער ניקאָלאַי II. אין דער צייט פון דער קאָראָנאַציע האָבען זיך אידען זעהר געפרעהט און איינגעאָרדענט פיעל באַנקעטען. אויף אזא סעודה האָט זיך איינער אַן אַלטער מלמד, א חסיד, זעהר צו זונגען און צו טאַנצט.

פרעגט מען איהם: — וואָס איז מיט איהם אזוי די שמחה? פון וואַנען איז ער אזוי זיכער אז ניקאָלאַי II וועט זיין בעסער פאַר אידען ווי זיין פאָטער אלעקסאַנדער דער III־טער?

— איין פּאַסיקעל ווענינער איז אויך גוט — האָט ער געענטפערט און זיך ווייטער געטאַנצט.

קען אַסטראָנאָמיע אָבער שוואַך אין פילאָלאָגיע

א געוויסער אסטראָנאָם, נאָך דעם ווי ער האָט לאַנג אָבזערווירט די לבנה, האָט אויסגערופען: יעצט בין איך איבערצייגט אז אויף דער לבנה איז אויך פאַראַנען ערדציטערנישען.

חתונה האָבען און באָדען זיך

פיעל יונגע מענשען שרעקען זיך חתונה האָבען. דאַרף מען זיי ראַטהען, זיי זאָלען זיך צוקוקען זומער ביי דעם טייך, ווען מען באָדט זיך. איידער זיי נעמען אריינגעהן אין וואַסער, ציטערען זיי, אָבער אז מען שפּרינגט שוין איינמאָל דרייסט אריין, איז מען דאַן זעהר צופרידען.

אַ טייערע מציאה!

אין א באַקוועמליכען וואַגאָן פון א צוג וואָס לויפט אין קאַנאַדע. אין א ווינקעלע איז זיך געזעסען א שיינער איד, א הדרת פּנים, און אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, האַלטענדיג א סדור אין האַנד, האָט ער הארציג געדאַווענט. קיינעם פון די מיטפאָרענדע פּאַסאַזשירען האָט עס ניט געאַרט. אויסער איינער, א פריי־געזאָנענער, שטאַרק אסימילירטער גלוח, וואָס איז געזעסען

גענען איבער, האָט אַנגעהויבען שטאַרק און הויך צו שפּאָטען, לאַכען, נאָך קרימען דעם אידען און טאַדלען איהם מיט זידעל ווערטער און שאַרף קריטיקירען אלע פּוילישע אידען אָרטאָדאָקסען. דער מתפלל האָט זיך ניט אָפּגערופען. נאָר נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיגט די תפלה, האָט ער געעפענט זיין טשעמאָדאַן, ארויס גענומען א פלאַש גוטען שנאַפּס מיט פאַרבייסען, און אַנגיסענדיג צוויי גלעזלאך, האָט ער זיך אָפּגערופען צו דעם קאָלעגע: „מיין הער, איך גלויב, דאָס איהר וועט מיט ניט אָפּזאָגען צו טאָן די געפעליגקייט און מאַכען מיט מיר א אמת גוטען ליטווישען שנאַפּס. ביטע.”

ווייזט אויס, אַז ער האָט דאָ צוגעטראָפען. ער איז געווען אַן אַמעריקאַנער, וואו עס עקזיסטירט דער פּראָהיבישאַן, און ער איז געווען א גוטער טרינקער, און גלייך צוגעשטימט, גענומען א גלעזעל און מיט איין קער אויסגעליידיגט און זיך באַלעקט, אויך פאַרביסען און שוויַיגט, קוקענדיג ערשטוינט. און דער ליטוואַק גיסט אָן באַלד א צווייטע און א דריטע, און דער דזשענטעלמען נעמט עס מיט צופרידענהייט. נאָר דאָך, אַז ער איז שוין געוואָרען אזוי הייטערדיג, האָט ער דאָך ניט געקענט איינהאַלטען און זיך אָפּגערופען צום ליטוואַק:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז דאָס ? פאַר וואָס טראַקטירט איהר מיר ? איך האָב אייך אזוי געטאַדעלט און איהר טרינקט גאָר מיט מיר ברודערשאַפט ?

— איך האַנדעל א ווילדע „מציאה” — האָט זיך דער ליטוואַק אָפּגערופען — הערט מיר א טשיקאַוועס אויס, וועט איהר אליין מודה זיין, אַז איך בין גערעכט.

— אדברה, איך בין נייגעריג צו הערען.

— דריי עפּיזאָדען וועל איך איבערגעבען פון מיין לעבען, און וועל עס מאַכען קורץ. אליין בין איך פון ליטא, פון א מיטעל שטעדטעל. בין ערצויגען געוואָרען רעליגיעז, און פיר מיר זיך אזוי אויך אין מיין נייעם וואָהנאָרט, אין ניו יאָרק. איין מאָל, אין דעם טאָג פון יאָהרצייט נאָך מיין זעליגען פאָטער, האָב איך אין אונזער סאָסייטי שול אין דער פרי געהאַט א מנין צום דאַווענען. נאָר צו מנחה קוים צונויף געזאַמעלט נייען מענשען, און קיין צעהנטען פאַר קיין פאַל ניט געקענט קריגען. עס ווערט שוין שפּעט. אידען לויפען אום אַהין און צוריק, נאָר אַלע אזוי פאַר ביזנעוועט, האָרי־אָפּ, דאָס אָפּגעבען א שטיקעל צייט אריין אין שול ליגט קיינעם אין זינען ניט. שטעל איך אָפּ איינעם אזוי א אידען, לייג אים פאָר געלד און בעט איהם משלים זיין דעם מנין. ער האָט פערלאַנגט ניט אַנדערש ווי 10 דאָלאַר. איך האָב עס איהם געגעבען. א ברירה האָב איך געהאַט. און מנחה האָב איך געדאַווענט. האָט איהר אייך נומער 1.

א צווייטער עפּיזאָד האָט פּאַסירט ביי מיר אין הויז. איינמאָל, פרייטאָג צו נאַכט, ווען אלע אונזערע פאַמיליע מיטגלידער זיינען געזעסען ביים טיש ביי דעם הייליגען שבת מאָלצייט, איז איינע פון די בענטשליכט אראָפּגעפאַלען א ברענענדע אויף דעם פערשפּרייטען טעפּיך, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדען און געדראָהט זיך צו פערשפּרייטען און אָנמאַכען א שרפה. איך לויף ארויס זוכען א קריסט איינלעשען די שרפה. טרעף איך דעם וועכטער. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז א פאַרביסענער אנטיסעמיט, לאַכט אָפּ פון די אידישע טראַדיציאָנעלע מנהגים, און וויל אנדערש ניט געהן לעשען ביי אידען אום שבת סיידען איך זאָל איהם דערפאַר געבען 5 דאָלאַר. איך האָב איהם געגעבען. א ברירה האָב איך געהאַט? און ער

האָט מאָמענטאַל דעם פייער איינגעלאָשען און אַלץ איז אריבער בשלום.

איצט קום איך שוין צום שלוס, און וועל אייך איבערגעבען דעם לעצטען עפּיזאָד, וואָס האָט פּאסירט מיט מיר נאָך זייענדיק אין מיין געבורטס־שטאָט. איך בין געווען אַן אָנגעזעענער מעמבער אין שטאָט, א פיהרענדע פּערזאָן, און מיין שטימע איז בעצוויבערענד אלס דער ראש הקהל אין אַלע געזעל־שאַפטליכע אינטערעסען.

האָט זיך געהאָדעוועט איינער אַן עלענדער קיילעכדיגער יתום. גע־נעכטיגט אין בית המדרש, געגעסען טעג, געלערענט אין די תלמוד תורה און ישיבה, געווען אויסגעמאָגערט, אָפּגעצערט. און אזוי האָט ער זיך אויפגע־האַלטען מיט צרות, ביז ער איז געקומען אין דער עלטער, וואָס מען דאַרף דיענען אין מיליטער. איז געוואָרען אין שטאָט א ליאַרעם. ווי קען מען דאָס דערלאָזען אזא שוואַכען נפש אריינפּאַלען אין די רוסישע קאזאַרמען? מען וועט דאָך איהם פארפייניגען צום טויט. און אַלע האָבען זיך געווענ־דעט צו מיר, דאָס איך בין נאָר דער איינציגער, וואָס קען איהם אין אזא פאַל העלפען. אָבער וואָס האָב איך געקענט טהאָן? איך האָב לאַנג גע־קלערט און זיך ענדליך בעשלאָסען. ארויסגערופען צו זיך סאַפּע דעם פעלדשער, וואָס איז געווען אין דעם פאַך פון בעפרייען פון זעלנער א מייס־טער, זיך בעדונגען 30 רובעל, און דיזער האָט איהם געמאַכט אויפן קאָפּ אזא צאַצקע, אַז ווען ער האָט זיך געוויזען נאַקעטערהייט פאַר דער קאָמיסיע, וואָס איז געווען בעשטימט אויף צו אונטערזוכען דעם געזונד צושטאַנד פון די פּליכטלינגע און האָט דערזעהן זיין קאָפּ מיט דער צאַצקע, האָט דער פּאָרזיצענדער געגעבען א געשריי: „פּאשאָל וואָן, פּארכו!” אַז מען האָט עס געקענט הערען אויף דער גאַס. אזוי ארום איז ער ניצול געוואָרען, און מיר האָט ס געקאָסט פון דער אייגענער קעשענע 30 רובעל. וואָס האָב איך געקענט טהאָן? א ברירה האָב איך געהאַט?

אָט דאָס זיינען די דריי געשיכטעס, וואָס איך האָב אייך געוואָלט דער־צעהלען.

— איך פאַרשטעה פאַרט ניט? — פרעגט דער סוביעקט — וואָס פאַר א צוזאַמענהאַנג האָט עס מיט מיר? און וואָס פאַר אַן ענטפער האָט עס צו מיין פראַגע פאַר אייער כבוד?

— געוויס — האָט דער ליטוואַק געענטפערט — מיר האָט עס דאָך געקאָסט פיעל געלט. און ערשט דאָ האָב איך געפּאַקט א אידען, אי אַן אַנטיסעמיט אי א גוי, אי א גרויסען פּאַרך, און אַלץ פאַר א פּאָר גלעזלאַך אקאַוויט, איז דאָס ניט א ווילדע מציאה? אדרבה, אפשר מאַכט איהר נאָך אַמאָל א לחיים?...

אַ גבירישער וויץ

אַן אָרעמע פרוי: — זאָלט איהר געזונד זיין, מאַדאַם, פאַר וואָס קומט עס ארוים ביי אייך דער צימעס אזוי גוט און געשמאַק?

מאַדאַם: — ווייל איך האָב אריין געלייגט א גוט געפּיהלט העלזעלע.

אָרעמע פרוי: — אוי, א קלאָג, א בראָך. ביי מיר צום צימעס זיינען פאַראַן זעקס העלזלאַך און עס טויג ניט.

מענדעלסאָנ'ס אַן ענטפער

— ווען וועט שוין קומען די צייט, וואָס מיר וועלען קענען עסען צו־זאמען? — האָט א קאטוילישער גייסטליכער געפרעגט מענדעלסאָנען.
— ביי אייער חתונה — האָט מענדעלסאָן קורץ געענטפערט.

פאַר און נאָך דער חתונה

פאר דער חתונה איז זי א געטין. נאָך דער חתונה רופט ער זי „געטין" צום רב.

אַן אָרדענונג

איינער פון שפאניען, וואָס האָט קיין מאָהל קיין ווינטער ניט געזעהן, קומענדיג דעם ערשטען מאָל אין רוסלאנד ווינטער צייט, איז דורכגעהענדיג דורך א דאָרף בעפאלען געוואָרען פון הינט. ער בויגט זיך איין און וויל נעמען א שטיין. עס לאָזט זיך ניט, זיי זיינען צו געפרוירען. שרייט ער אויס:
— א מאָדנע לאנד. די אומשולדיגע שטיינער זיינען ארעסטירט און די בייזע הינט געהן ארום פראנק און פריי!

ער מעג, זי ניט

א פריידיינקער געפינט שבת אין דער פרי זיין טאָכטער אליין איינ־הייצען דעם אויוועט. שרייט ער אויף איהר און בייזערט זיך שטארק.
פרעגט זי אים: — פאר וואָס רייכערסטו א פאפיראָס?
— הערסט אן אונטערשיעד — ענטפערט ער — דאָס קען איך ניט טאָן דורך א צווייטען. אָבער הייצען דעם אויוועט האָסטו דאָך געקענט דורך א קריסטען.

אויף א פרויען פערזאמלונג ביי אויסוועהלען א פאָרזיצענדע איז געווען א גרויסער טומעל, א געפילדער. איז דערביי געזעסען איינער, דער אָנפיהרער פון דער אסיפה. האָט ער אויסגערופען הויך: שטילער, פרויען, ריידן זאָל מען נאָך דער רייהע, צום ערשטען האָט דעם וואָרט די עלטסטע.

דער ווייזער טויג ניט

ווען א מגיד האָט געזאָגט א דרשה איז איינעם פון די פערזאמעלטע געוואָרען לאנגווייליג. נעמט ער ארויס זיין טאַשענזייגער און ווייזט עס דעם מגיד, ד. ה. איהם געבען אָנצוהערענים, אז עס איז שוין צייט. דער

קלוגער מגיד האָט זיך ניט ווייסענדיג געמאַכט, און גלייך אויפן אָרט געענטפערט: „דער זייגער איז ניט ריכטיג, ווייל דער ווייזער טויג ניט."

דער שטאָדט זייגער

אין א שטאָט אין ר. האָט מען אויסגעבויט א פּרעכטיגען בנין פאַר א שטייער אמט. דער שטאָט חכם האָט געזאָגט: אז דאָס בויט מען א שטאָט זייגער (טאַשען זייגער).

ניט געגריסט

אין א דאָרף איז א חזרים הענדלער געוועז א סטאַראָסטע פון דער שולע. געהט פאַרביי א שול לעהרער און בעגריסט איהם ניט. רעט איהם אויס דער סטאַראָסטע און זאָגט: — דאָס איז דאָך ניט קיין דרך ארץ, ווי גריסט מען עס ניט א ברויט געבער?

— און אז דו פאַרדינסט דיין ברויט פון די חזרים, האָט דער שוהל לעהרער געענטפערט — גריסט דו דען זיי?

ער ווייסט געוויס

אין א גרופּע מענשען האָט איינער געזאָגט: — אז דער קריזיס האָט שוין היינט אַלעמען אויס געגליכט. איינער, א בעדער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט אָפּאָנירט און געזאָגט, אז עס איז נישט אזוי, די מענשען זיינען נאָך גענוג פערשידען.

— ווער, ווער — האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופען — איהר טאָרט עס ניט זאָגן. איהר דאַרפט עס דאָך וויסען פון פּראַקטיקע.

אַראָפּגעהאַקט די פליגעל

ווען פּיוועלע פּיסט האָט זיך בעריהמט אין ביהמ"ד, אז ער איז אין זיין פערראיין אויסגעקליבען געוואָרען פאַר איין פאָרזיצער, האָט איהם א פקח געזאָגט: — עס איז א באוואוסטע זאַך אז ביי אָרבעס קלייבען ווערען אויסגעקליבען די ווערעמדיגע.

פאַרקערט וואָלט געווען בעסער

אז דער באוואוסטער קעלמער מגיד, וואָס פלעגט מרעיש עולמות זיין מיט זיינע פייערדיגע דרשות און הספדים, איז געשטאָרבען, האָט א יונגער מאַן אין א שטעטעל געמאַכט נאָך איהם א הספד. נאָך דער רעדע האָט ער זיך געווענדעט צו דעם גבאי, גראָד ניט קיין נאַר, און פרעגט איהם, אז ער

זאָל זאָגען זיין מיינונג וועגען זיין הספד: — נישקאָשע — האָט דער גבאי געענטפערט — נאָר ווען פארקערט, ווען איהר שטאַרבט און דער קעלמער וואָלט געזאָגט א הספד, וואָלט ארויסגעקומען פיעל בעסער.

אַ טיש סערוויס

ווען א מיליטער מאן איז אמאָל אריין געקומען אין א דאָרף צו א פויער געבעטען מען זאָל איהם געבען עסען, און דערביי ארויס גענומען דעם שווערד און אנידער געלייגט אויפן טיש, האָט דער פויער דערלאַנגט עסען נאָר אויך אנידער געלייגט די אייזערנע ווילע און זיך אָפּגערופען: — דאָ האָט איהר, מיין הער, אייער מעסער מיט מיין גאָפּעל.

אַ ריכטיגער פסק דין

צוויי מענשען, בעלי בתים שכנים, האָבען געהאַט צווישען זיך א סכסוך וועגען א שטיקעל פּלאַץ. זיי זיינען געקומען צו ר׳ ליפּעלען אויף א דין תורה. דער רב האָט געזעהן, אז דאָס זיינען שווערע בעלי דברים. איז ער אליין אוועק אויפן פּלאַץ צו בעטראַכטען. אין מיטען, ווי זיי האַלטען זיך אין קריגען, בויגט זיך ר׳ ליפּעלען איין, לייגט צו דעם אויער צו דער ערד, שטעהט אויף און רופט זיך אָפּ: — א מאָדנע זאַך. איינער זאָגט, אז די שטיקעל ערד איז זיינע, דער צווייטער — אז דאָס איז זיינס. די ערד, האָב איך געהערט, זאָגט גאָר, אז איהרביידע געהערט גאָר צו איהר. איז דאָך אייער קריג אן אומזיסטער. טאָ הערט א פסק בית דין און ערפילט עס.

אַ ברכה פאַר קינדער

ר׳ יוסף, דער בריסקער רב, האָט פאַרענדיג אין וועג זיך אָפּגעשטעלט אין א דאָרפישער אכסניא, וואו דער ישובניק איז גאָר א גרויסער עם הארץ. ער האָט צו גענומען דעם רב מיט זיינע קינדער גאַנץ פיין. דערביי האָט ער פערלאַנגט פון רב ער זאָל פארהערען זיין בן יחיד פאר וועמען ער האַלט באַזונדער אַ מלמד בחור. דער רב האָט איהם פארהערט אַ פּאָר פסוקים חומש, וואָס ער האָט מיט גרויס שווערעניש קוים אדורכגעשטופּט, און אויף דע פראַגע פון פאָטער האָט ער געענטפערט, אז ער ווינשט זיך דאָס זיינע קינדער זאָלען ניט זיין ערגער פון זיין זוהן. דאָס האָט דעם ישובניק זעהר הנאה פערשאַפט. ווען זיינע מקורבים האָבען איהם פערוואונדערט געפרעגט וועגען דעם, האָט ער געענטפערט: — איך וואָלט זעהר און זעהר צופרידען געוועזן, ווען מיינע קינדער קענען לערנען בעסער פון מיר.

אַן ענטפער צו אַ פּראָסטען פאָטער

א פאָטער, וואָס איז געוועזן א גוט בעזיצער, האָט געהאַט א זוהן זעהר א גראָבען, ניט געוואָלט און ניט געקענט גאָרניט. פאַרט ער אוועק אין

שטאָט, בעט מען זאָל איהם שיקען דעם בעסטען לעהרער. פרעגט איהם, וויפיעל וואָלט ער געוואָלט א מאָנאט פאר לערנען זיין זוהן.
— 400 זלאָטעס — ענטפערט דער לעהרער.
— אזוי פיעל? — שרייט אוים דער פאָטער — פאר אזא סומע וועל איך קויפען דעם בעסטען פערד!
— טוה אזוי — ענטפערט דער לעהרער — וועסטו צוזאמען האָבען צוויי — און איז גלייך אוועק.

אַן אומזיסטיגער פּאָרוואורף

די גאָטספאָרכטיגע און פרומע רחל, וואָס האָט שטארק געגלויבט אז איהר יונגער בעשערטער, איז אויך אזוי פרום ווי זי, האָט זיך דערוואוסט, דאָס איהר מאַן, פאָהרענדיג אין וואָיאַזש, פיהרט זיך אויף זעהר פריי, און אפילו פון קיין דאוונען ווייסט ער אויך ניט, און וועלענדיג זיך איבערצייגען, צי איז עס ווירקליך אזוי, האָט זי פאר זיין אָפרייזע פארפאַקט די נאָז טיכלאך אין טלית זאק. אין דעם ערשטען בריעף, וואָס זי האָט בעקומען פון וועג, האָט איהם דער מאַן געמאַכט וועגען דעם אויפמערקזאַם, אָבער איהר ענטפער איז געוועזן: — ליבער פיילעט, וואָס עס בעלאַנגט וועגען די נאָז טיכלאך, בעט ביי גאָט, וועסטו עס באַקומען.

דער גאָט פון נקמה

א געצען דינער א קייזער האָט אריינגעפיהרט א תנא אין זיין פּרעכטיגען גאָרטען, וואו עס זיינען געוועזן פיל בלומען מיט אויפשריפטען פון פערשידענע געטער, און אויך א קוסט פון שטעכעדיגע קראָפּעווע, מיט אַן אויפשריפט: „דער אידישער גאָט פון נקמה".
— גערעכט — האָט דער תנא אויסגערופען — אויף אלע קען מען אונבעשטראָפט טאָן דאָס מענשליכע באדערפעניש. אָבער ניט אויף אונזערען.

נאָר ניט מינאָר

איידער דער באַוואוסטער מזאה איז געוואָרען רב און ראַבינער אין מאָסקווע, איז געוועזן דאָרט א ראבינער ז. מינאָר. פאר דער לעצטער צייט האָט ער געהאַט געגען זיך פיעל געגנער. און אין דער צייט פון די וואהלען האָבען זיך אינפאָרמירט צוויי צדדים, פאר און געגען.
און איינע זעהר א חשוב'ע פרוי, חישין האָט זי געהייסען, האָט געהאַט אין די שטאָטישע געזעלשאַפטליכע זאכען א גרויסע השפעה מיט איהר מיינונג האָט מען זיך אין די העברעאישע אידישע ספערען זעהר פיל גערעכענט. און געוועזן איז זי א גרויסע אנגראסיסטין פון מאנופאקטור בראנזשע.
איז צו איהר געקומען אמאָל א דעלעגאציע פון ראבינער'ס צד צו אגיטירען איהר, אז זי זאָל צו שטעהן צו דעם ראבינער'ס צד. האָט זי געענטפערט אזא קלוגע תשובה:

— איך בין דאָך — זאָגט זי נאָר א פרוי א סוחר'טע. און ביי מיר זיינען די פרייזען גאַנץ פעסטע. זאָג איך א פרייז אויף סחורה, מוז עס אזוי זיין, און בשום אופן ניט מ י נ א ר. . . .

פארוואָס מאַכט מען הזכרת נשמות יום טוב?

מיט אזא פראגע האָט זיך אמאָל געווענדעט דער רב ר' ו. פון ביאַ־ליסטאָק צו אן אויפגעקומענעם גביר פון פּראָסטע עלטערען, וואָס האָט זיך געגומען גרויסען און זאָגען די ברייטע דעה, און האָט אליין געענטפערט, אז דאָס איז געמאַכט געוואָרען דערפאַר, כדי א איד זאָל צוליב יום טוב, וואָס עס געהט איהם גוט, ניט אריין אין דער שלעכטער מידה פון גאוה, הייסט מען איהם, ער זאָל זיך דערמאָנען אָן זיינע עלטערען און וויסען ווער זיי זיינען געווען.

אַ כעלמער לערענט חכמה

— ניט גוט — האָבען געזאָגט אמאָל די כעלמער — מען מוז שיקען אימיצען אין דער וועלט ער זאָל זיך אויסלערנען חכמה און קומען און אונז איבערגעבען, וועלען מיר זיין מיט לייטען גלייך.

האָבען זיי אויסגעקליבען א דעלעגאַט, געגעבען איהם געלט אויף הוצאות און הונדערט רובל פאַר ארבעט. איז דער דעלעגאַט געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער איז געקומען קיין ווילנא, אריין אין א בית המדרש און דערצעהלט דעם שמש נאָך וואָס ער פּאָרט. דער קלוגער שמש האָט זיך אָנגערופען, אז ער קען איהם אויסלערנען און פרעגט איהם א רעטעניש:

— זאָג מיר — זאָגט ע ר— ווער איז דיין טאַטענס א זון און דיר ניט קיין ברודער? ווייסט ער ניט, גיט ער דעם שמש די 100 רובעל, און יענער זאָגט איהם, אז דאָס איז ער אליין.

קערט ער זיך אום אין כעלם. נעמט מען איהם אויף מיט פּאראַד, מאַכט מען א גרויסע סעודה. שטעלט ער זיך ארויף אין שול אויף דער בימה און פרעגט און זאָגט איבער וואָרט אין וואָרט: זאָגט מיר, ווער איז א זוהן צו אייער טאַטען און אייך ניט קיין ברודער?

ווייסען זיי ניט, בעטען זיי אז ער זאָל זיי אויסזאָגען. ענטפערט ער שטאָלץ און שרייט אויס: „דאָס בין איך אליין!"

אַ קאָמיסאַר, אַחכם

אין דער לאַנד ר., וואו דער אנטיסעמיטיזם איז גרויס, האָט א קאָמיסאר ביי וואהלען צום שטאָט ראטה בעקומען א בעפעהל, אז ער זאָל אָנזאָגען אין אלע ערטער פון דעם קרייז, וואָס ליגט אונטער זיין מאַכט, מען זאָל אָנזאָגען די קלענערע בעאמטע פון די ערטער, זיי זאָלן זעהן, אז מען זאָל קיין אידען ניט אויסקלייבען.

ווען עס זיינען אין איין שטעטעל אויסגעפאַלען וואהלען אויף קלייבען א רב, האָבען די בעאמטע, וועלענדיג ערפילען דעם בעפעל פון זייער אָנפי־רער, שטריינג אָנגעזאָגט אלע אידען זיי זאָלען נישט קלייבען קיין אידען פאר א רבי'ן.

אַן אינשורענס אַגענט און אַ מיסיאָנער

אַן אגענט פון א לעבענס פערזיכערונגס געזעלשאַפט איז אריין אין א וואגאָן, וואו צווישען אייניגע אידישע פּאסאזשירען איז געזעסען א מיסיאָנער און אגיטירט. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען צוליעב אל תען. דער אַגענט איז באַלד אריין מיט איהם אין אַ טיפען שמועס, און געוואָרען אזוי אינטים, אז זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער צו פארנעמען א בעזיץ פּלאַץ אין אַ בעזונדער קופּע. אַלע האָבען דעם אַגענט נאָכגעקוקט און אַנדערע האָבען איהם געוואָרענט, אַז ער זאָל איבעררייסען דעם שמועס. אָבער ער האָט זיי ניט געהערט.

אין א פּאָר שטונדע ארום איז ער צוריק ארויסגעקומען צו די פּאסאַזשיערן און זיי מיט פרייד איבערגעגעבען וועגען זיין זיעג.

— זעהט דעם רעזולטאַט פון מיין שמועס — האָט ער געזאָגט — איך האָב איהם פערזיכערט און דערביי גוט פערדינט.

נאָכ׳ן פאָטער יאָ, נאָך דער מוטער ניט

א קראַנקע מוטער פרעגט איהר זוהן: — קינד מיינס, וועסטו נאָך מיר אויך זאָגען קדיש ווי נאָך דעם פאָטער?

— ניין, מאַמע — האָט ער געענטפערט — אז אויך דו וועסט מיט איהם זיצען אין גן עדן, וועט זיין א גיהינום. איז דאָך מיין גאַנצע ארבייט ארויס־געוואָרפען.

נאָך דעם אָרימאַן שלעפּט זיך דער דלות

א גרויסער אָרעמאַן האָט אמאָל אין א פינסטערען אבענד באמערקט אין דעם צווישען אויוועֶן א פארזעהעניש. „ווער ביסטו?” — האָט ער גע־פרעגט. — „איך בין דער דלות” — האָט דאָס געענטפערט. דער מענש האָט זיך גענומען בעטען, וויינען און קלאָגען, ער זאָל פון איהם ארויס, ווייל ער קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען.

דער דלות האָט מסכים געווען, נאָר ער זאָל איהם מאַכען אַן אָנצוג, דען ער איז נאַקעט. גלייך גערופען א שניידער, גענומען א מאָס, נאָכהער האָט ער פארזעצט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין שטוב, און דער שניידער האָט פארטיג געמאַכט דעם אנצוג. ער ברייננט איהם, אָבער ער קען איהם ניט אָנטהאָן. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ווי נאָר ער האָט אַלעס פאר־זעצט איז דער דלות נאָך גרעסער געוואָרען. איז די פריערדיגע מאָס ניט געווען גוט. אזוי ארום האָט ער שוין געמוזט בלייבען ביי אים.

בעסער מיט אַ קלוגען פאַרלירען

א פּוילישער עמיגראַנט, אַ קלוגער מנחם מענדעל, וואָס איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָט געזעהן אז די ביזנעס געהן שלעכט, האָט ער פאר די ערשטע פינף דאָלער, וואָס ער האָט שווער פארדינט, געקויפט אַ לאָטעריי צעטעל, נאָכהער אוועק געגאַנגען צו א בעל מופת, געהייסען גאָט בעטען, אז דער צעטעל זיינער זאָל געווינען, צוגעזאָגט דאַן געבען גרויסע נדבות

און איהם אויך גוט בעלוינען. דער בעל מופת האט דעם נומער פארשריבען, און דער שפיל צעטעל האט פערשפילט.

קויפט ער פאר זיינע שווערע סענטען נאך אמאל א צעטעל און געהט אוועק צו א מיסיאנער, צוגעזאגט גרויסע נדבות פאר דער מישאן, אויך איהם גוט בעלוינען, דערציילט איהם אז דער בעל מופת האט ניט געמאכט גאר ניט. דער מיסיאנער פערצייכענט דעם נומער. און גראד געווינט דער נומער דעם גרעסטען געווינס.

דער מיסיאנער פרעהט זיך, ער וועט האבען געלד און אויך געפאנגען א נשמה. ער ווארט אויף דעם ליטוואק מיט אונגעדולד. עס געהט אוועק א וואך נאך א וואך און ער איז ניטא. פוילט ער זיך ניט און פאהרט צו גלייך צו איהם. טרעפט איהם פרייליך, גליקלאך. רעט ער איהם אויס, פאר וואס ער איז אזוי אונדאנקבאר. ער האט דאך געזעהן, אז דער גאט פון בעל מופת האט ניט געמאכט און זיין גאט יא. איז פאר וואס האלט ער ניט ווארט?

ענטפערט דער ליטוואק: בעסער מיט א קלוגען צו פערלירען איידער מיט א נאר צו געווינען. דער בעל מופת האט געוואוסט אז איך וועל קיין ווארט ניט האלטען — א קלוגער. אבער דו ביסט א נאר, האסט געגלויבט. בין איך ניט שולדיג.

דאס פאלק איז קראנק

דער בעוואוסטער ר' שמעון רפאל הירש פלעגט זאגען: זינד די רבנים האבען זיך אנגעהויבען רופען דאקטוירים, ליגט דאס אידישע פאלק קראנק.

בערלין פול מיט תורה און מצוות

ער פלעגט אויך זאגען, אז בערלין איז פול מיט תורה און מצוות, ווייל ווער עס קומט מיט דער תורה לאזט ער דאס דארטען איבער.

פון זיין ליבען נאמענ'ס האנט

נאך אין די צייטען פון געצענדינערייע האבען צוויי אידישע קינדער געלערענט אין א אידישען רעליגיעזען חדר אין דער שטאדט עשאד ביי א רעליגיעזען מלמד. איינער, אן אויפגעקלערטער, פלעגט שטענדיג איינ־טענה'ן מיט זיין חבר, אז פון אזא לערנען וועט קיין תכלית ניט ארויסקומען. דערפאר פערלאזט ער דעם חדר. איבערגעגאנגען אין א העלענישער שוהלע, געווארען א זייערער. געווארען א גייסטלעכער, געשטיגען אלץ העכער און העכער, ביז ער איז געווארען דער אבער גייסטליכער איבער א גאנצען קרייז, אין וועלכען די שטעדטעל עשאד איז געווען איינגעשלאסען.

איינמאל, פאהרענדיג אויף א אינספעקציע איבער זיין קרייז, איז ער אויך אריינגעפאהרען אין עשאד. האט זיך דערמאנט אן זיינע יונגע יאהרען וואס ער האט דא פערבראכט, און געוואלט וויסען, וואס איז געווארען מיט זיין אלטען חבר פנחס'ל. ער האט געבעטען, האט מען איהם אויפגעזוכט,

געבראכט פאר איהם. אן אָרעמער איד, אויך א מלמד. האָט דער גייסט־ליכער געבעטען, אז ער זאָל איהם ערלויבען זיין ביי איהם אויף נאכטלעגע, אום זיך מיט איהם דורכריידען און פאנאנדער שמועסען וועגען זייערע עראי־נערונגען. דער אָרעמער מלמד האָט עס אָנגענומען. האָט פערבראכט מיט איהם דעם אבענד, געגעסען צוזאמען זיין אָרעמען דינער, וואָס די פרוי האָט צוגעגרייט. אויך אויסגעבעט א קושעטע. דער כהן הראש האָט פארן שלאָף זיי געזאָגט, דאָס ער דארף פארטאָג אוועק פאָהרען, זאָלען זיי זיך ניט שטע־רען. און אזוי איז געוועז.

אין דער פריה, ווען דעם מלמד'ס פרוי איז געגאנגען אויפראמען און פארבעטען די בעט, האָט זי געפונען צו קאָפּענס אונטער דער אונטער קישען, וואו דער גייסטליכער איז געשלאָפען, עפּעס א מין בייבי, וואָס איז געווען זעהר שיין, פיין און גלאנציג. דער מלמד האָט עס געזעהן, באלד פאר־שטאנען, אז דאָס איז א קליינער געטשיקעל, א צעאוס, וואָס דער הער האָט געוויס פארגעסען אָדער איבערגעלאָזען. און טאקע באלד געפונען א צע־טעלע, אז דאָס לאָזט ער איהם אלס א געשאנק. ער האָט צו ערשט אָפּגע־בראָכען א הענטעל, אוועק געטראָגען צו א גאָלד הענדלער. יענער האָט אָפּ־געוואויגען און בעצאָהלט איהם אזא סומע, וואָס ער האָט געהאט גענוג אויף צו בעקליידען און בעשוכען זיין נאקעטע פאמיליע. געלאָזען נאכהער אָפּהאקען נאָך א הענטעל — בעצאָלט דירה געלד, געקויפט בעהייצונג, גע־נומען לעבען בעסער. ביסלאך ווייז, ביסלאך ווייז, האָט ער געבראָכען און פארקויפט. פאר די דימענטען פון די אויגען אָפּגענומען זעהר פיל געלד. געקויפט הייזער, גענומען האנדלען, געפיהרט א רייכען לעבען, אויך פיל צדקה געגעבען און בעקומען א גרויסען נאָמען.

נאָך איינינע יאָהרען איז דער זעלבער אמאָליגער חבר ווידער געקומען. בעזוכט דעם חבר אין זיין רייכען וואוינונג, און דאן רופט ער זיך אָפּ צו איהם אזוי מיט די ווערטער:

— זאָג אליין, דו חבר פנחס, בין איך ניט גערעכט ? דו, זאָגסטו, האָסט א גאָט, גאָר א גרויסען גאָט, פאר דער גאנצער וועלט. נו, וואָס האָסטו פון איהם געהאט ? נויט, עלענד, הונגער און א פינסטערען לעבען, ניט מעהר. איך האָב דיר געגעבען מיין גאָט, צעאוסע, אין גאָר א קליינעם מאסשטאב, און ער האָט דאָך דיר געמאכט אזוי רייך, אזוי גליקלאך. טאָ וועמען דארפ־סטו בעסער דינען

— ביסט ניט גערעכט, שמשעלע — ענטפערט פנחס. צי דאָס הייסט א גאָט? אז אנדערש בעקומסטו פון איהם גאָר ניט, סיידען מען מוז איהם הענד און פיס צוברעכען, די אויגען אויסשטעכען און די צייהן אויסזעצען, און ער בלייבט אוים. שוין נישטאָ צו וועמען צו דינען. אָבער אונזער לעבעדיגער באשעפער, אז ער גיט, גיט ער מיט דער פולער האנד, און אליין מיט א גוטען ווילען, און ער גיט אויך לעבען און צום לעבען און בלייבט אויף אייביג. ניין, איך וועל איהם קיין מאָהל אויף קיין זאך ניט פערבייטען. אזוי איך, אזוי אונזער גאנץ פאָלק.

„געמאָלטע" מאכלים

א איטאליענער, וואָס האָט נישט פארשטאנען די פראנצויזישע שפּראך, איז געקומען דעם ערשטען מאָהל אין פאריז. איז ער אריין אין א רעסטאָראן

און געבעטען ביי דעם קעלנער, אז ער זאָל איהם דערלאנגען א פּאָרציע גע־בראָטענע שוואָמען (גריבענס). דער קעלנער האָט ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט. האָט ער, זייענדיג א גרויסער מאלער, אויסגעמאָלט אויף פּאַפּיר א גרויסען שוואָם און דערלאנגט דעם קעלנער. דער קעלנער האָט צוגעשאָ־קעלט מיטן קאָפּ, אז ער פערשטעהט, גלייך אוועק געלאָפען און איהם געבראכט א רעגען־שירעם.

וואו דארף שטעהן די עגלה?

אין א שטאָט, וואָס דאָרטען זיינען געווען פיל רייכע גבירים, אָבער זעהר א קארגע און שלעכטע, האָט חברה קדישא געמאַכט א בעזונדערע עגלה, א גרויסארטיגע, פאר רייכע. קומט איינמאָל דער וויצע־פּרעזידענט לייבעלע (וויצע — דעם נאָמען האָט ער בעקומען, ווייל ער איז געווען א גרויסער וויצלער) צו דעם רייכסטען פון שטאָט זעצער, וואָס איז אגב געווען א גבאי פון חברה קדשיא, און פרעגט איהם וואָס פאר אן אָרט האָט מען בעשטימט פאר דער רייכער עגלה?

— וואָס הייסט? — ענטפערט דער גבאי — דאָרט וואו עס שטעהט די צווייטע עגלה מיט די רעשטע מכשירים פון ח"ק.

— ניין — רופט זיך אָפּ לייבעלע — זי דארף האָבען א מעהר פּאסיגען אָרט. זי דארף איין טאָג שטעהן ביי דעם גביר ב., דעם צווייטען טאָג ביי דעם גביר פ., און אזוי ווייטער. וואָלט עס געווען אָנשטענדיג און יושר'דיג.

צו וואָס דארף די רייכע עגלה האָבען צוויי פערד?

אויף דעם האָט אויך געענטפערט דער זעלבער לייבעלע. ער האָט געזאָגט, אזוי ווי אין יעדער הזכ־ה און אויף דער מצבה זאָגט מען און מען שרייבט: שהלך לעולמו, ד. ה. אז ער איז געגאנגען צו זיין וועלט, איז אזוי ווי אויף דער וועלט האָט ער שטענדיג געהאַט מזומן און דאָס טהייער גע־האלטען, דארף מען איהם פיהרען אויפן עולם האמת אויך מיט מזומן.

דעם אויוועז צעברעכען, ווען עס קומט א גאַסט

אָט דער מנהג שטאַמט פון דער צייט, פון נאָך די גרויסע צרות און ענויים אין די יאָהרען פון ת"ת, וואָס לויט דעם קץ, וואָס מען האָט אויס־גערעכענט, האָט מען ־־־־ געגלויבט, דאָס משיח דארף און מוז קומען. און אין צמח דוד ווער־ געב־אכט, דאָס דער גרויסער גאון און צדק ר' עמיל איז געווען אזוי זיכער, דאָס ער האָט געהייסען צו ברעכען די אויוועגס, זאָגענדיג דערביי, אזוי ווי דער גרויסער גאסט משיח דארף אָנקומען און אונז פיהרען אין אזא לאַנד, וואָס דאָרט איז ניטאָ קיין ווינטער, דארף מען שוין זיי צוברעכען. און נ־ד איהם האָבען א סך אידען נאָכגעטאָן, און געבליבען איז דער ווערטעל ־ ז היינט.

איך וועל דיר פריהער זאָגען

איז טאַקע ווען צו דעם ר' איגושען א־ז איינער אריין געקומען סאָפּענ־דיג, זאָגענדיג אז ער האָט געפונען דעם קץ, האָט אים דער ר"א איבער־

געשלאָגען און געזאָגט: ווארט איך וועל דיר זאָגען; אין איוב שטעהט: „הקץ לדברי רוח", ד. ה. פלאפּעל ניט.

עס ווענדט זיך ווער ווער ווער

אן אלטער פאָטער ליגט אין בעט. איז דער זוהן צוגעגאנגען, איהם אויפגעהויבען און אזוי פאַרזיכטיג, לאנגזאם אונטער די הענט דורכגעפירט אייניגע מאָהל איבער דעם זאַל. די אלע אנוועזענדע קינדער און קרובים האָבען דערביי געווישט די אויגען און געוויינט אין דער הויך.

רופט זיך אָפּ דער אייניקעל צו זיין פאָטער: — וואָס איז דאָס? איך געדענק, ווען איך בין געווען א קליינינקער, האָב אַנגעהויבען שטעלען די ערשטע טריט, האָסטו, פאָטער, אויך מיר אַנגענומען ביי די הענטלאך און דורכגעפיהרט דורך דעם זאל, האָבען אלע אזוי געפרעהט זיך, באוואונדערט, און ערשט טרויערט מען און מען וויינט?

— אזוי איז עס, מיין קינד — אז א פאָטער פיהרט א קינד איז א פרייד. פארקערט—איז א טרויער.

ווער איז די וועלט

„וואָס וועט די וועלט זאָגען?" די וועלט פרעגט (העולם מקשין). אזוי הערט מען שטענדיג רעדען.

איינער איז געווען נייגעריג צו וויסען, ווער איז דאָס די וועלט און נישט געקענט זיך דערוויסען. איז ער אַריינגעגאנגען אין א אידישען חדר פרעגען דעם מלמד. זעהט ער א אינגעלע זיצט, האלט זיך פאר הינטערזייט און וויינט מיט ביטערע טרערען. דערצעהלט דער מלמד, אז דער תלמיד איז בעגאנגען א גרויסען פערברעך, געגעבען א וואַרף אין פענסטער פון א קריסט א גרויסען שטיין און אויסגעהאַקט די שויבען. האָב איך איהם מקים פסק געווען, ווי עס דאַרף צו זיין, און אריינגעהאַקט גוט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— אהא — זאָגט דער מענש — איצט ווייס איך ווער די וועלט איז!

פאַרשטאַנען אויפ'ן וואונק

אין א פרעמדער שטאָט איז קראנק געוואָרען א סוחר. ליגענדיג אין האָטעל האָט ער מורא געהאַט נאָך זיין טויט זאָל דער האָטעל אייגענטהימער ניט צונעמען די 10 טויזענט דאָלאר, וואָס ער האָט ביי זיך. האָט ער גע־פונען צו דעם א קלוגען מיטעל. צוגערופען דעם הויז ווירט, איהם געזאָגט, אז ער האָט ביי זיך 10 טויזענט דאָלאר, און וויל עס איהם אָפּשרייבען פאר זיין גוטע בעהאַנדלונג, געהייסען אריין רופען דעם נאָטאר מיט עדות. אין קורץ דער אינהאלט פון דער צוואה איז געווען פאָלגענדער: שטאַרבענדיג עלענד אין דער פרעמד און אנערקענענדיג, אז דער האָטעל אייגענטימער איז געווען זעהר פריינדליך צו איהם, לאָזט ער צוואה און שרייבט אָפּ פאר איהם די גאַנצע 10 טויזענד דאָלאר. איין פונקט פערלאַנגט ער נאָר, אז ער

זאָל אויספּילען, אז די בשורה פון זיין טויט זאָל ער אליין אריבערברייגנען זיין פרוי, וואָס געפינט זיך אין ביאַליסטאָק, פּוילען, גאס מאזור, נומער —, איהר איבערגעבען פון זיינע לעצטע שעהן, און געבען דער פרוי זיינער אזא סומע וועלכע ער ועט אליין וועלען.

דער סוחר איז געשטאָרבען, און דער בעל הבית פון האָטעל איז געפאָרען מיט דעם פּאַפּיר און די געלד אין דער היים שטאָט פון נפטר. אריין צום רב, אלעס איבערגעגעבען דעם רב. מען האָט גערופען די פרוי, איבערגעזען אַפּיציעל די צואה, אָבער געדיינקענדיג זיך, פרעגט ער, פיל וויל ער געבען דער פרוי? דער געלד־גייציגער האָטעל בעל הבית האָט געענטפערט, דאָס ער מיינט איהר געבען 100 דאָלאַר. דאַן האָט דער רב ארויסגעגעבען זיין פּסק, אז לויט נאָך דער צואה דאַרף ער געבען דער פרוי 9900 דאָלאַר און זיך איבערלאָזען 100 דאָלאַר פאַר קאָסטען.

— וואָס רעדט איהר? — האָט אויסגעשריען דער ערשטווינטער אייגענ־טימער — וואו נעמט איהר דאָס פון דער צואה?

— יע, זי איז קלוג צוזאמענגעשטעלט געוואָרען — ענטפערט דער רב.

— עס איז דייטליך געשריבען, דאָס איהר דאַרפט דער פרוי געבען אזא סומע וואָס איהר וועט אליין וועלען. און פון אייערע ווערטער זעהט מען, דאָס איהר פאַר זיך אליין ווילט 9900, ווען מען זאָל אראָפּרעכענען די 100 דאָלאַר, וואָס אייער גוטע הארץ וויל דער אלמנה געבען. טאָ זייט אזוי גוט און בעצאָהלט.

אַ געוועט צווישען צוויי פּריצים וועגען צוויי ציגיינערס

אין אַ שטעטעל אויף אַ יאריד זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע מאגנאַטען אויף אַ גאַניק פון אן ארייַנפאָהר הויז ביי דעם פערד מארק און האָבען זיך צוגעקוקט, ווי אזוי דער האנדעל געהט אָן.

זעהן זיי ווי צוויי ציגיינער האַנדלען צווישען זיך. איינער איז געווען אַ הויך געוויקסיגער און דער צווייטער אַ קליין געוויקסיגער. און דער קלע־נערער האָט עס פערקויפט זיין פערד צו דעם גרעסערען פאַר 20 זלאָטעס. האָבען זיך די מאַגנאַטען פּאַרוועט וועגען די צוויי סוביעקטען, ווער פון זיי איז אַ גרעסערער שווינדלער און אָפּגענאַרט דעם צווייטען.

האָבען זיי גערופען די ביידע ציגיינער, געגעבען זיי בראַנפען, פאַר־בייסען, און זיך געווענדעט צו זיי מיט די פאָלגענדע ווערטער: — מיר ווייסען דאָך אז איהר זייט ביידע שווינדלער; מיר ווילען אָבער וויסען, ווער פון אייך איז אַ גרעסערער און שטייגט איבער דעם צווייטען — און יענער וואָס וועט עס דערווייזען בעקומט ער ביי אונז אַ פּרייז פון 50 זלאָטעס.

— גוט — האָבען ביידע איינגעשטימט — פּרובט אונז אויס.

ווענדען זיי זיך צום ערשטען, צום קלענערען, און איינער רופט זיך אָפּ צו איהם: — מיר האָבען געזעהן, ווי דו האָסט פערקויפט דיין פערד צו דעם הויכען און האָסט בעקומען פון איהם אַ באַנקנאָט פון 20 זלאָטעס. עס איז דאָך אזא קליינער פּרייז. האָט ער דיר ניט בעשווינדעלט?

— ניין, מיינע גרויסע פּריצים — ענטפערט דער קלענערער דאָס איז ניט קיין קליינער פּרייז, נאָר אַ גרויסער, און אָפּגענאַרט האָב איך איהם, ווייל דער פערד הינקט אויף אַ פוס.

— טאָ ווי קומט עס, וואָס דו האָסט זיך געלאָזט אָפּנאַרען? — פרעגען

זיי דעם גרויסען — פאר א הינקעדיגען פערד, וואס טויג ניט צו דער ארבעט, צאהלט מען אזא גרויסען פרייז?

— אמת — האט געענטפערט דער גרעסערער — דער פערד הינקט טאקע, אבער דער קליינער נאר האט ניט באמערקט אז ביי דעם פערד אין קנאכען (קאפיטע) שטעקט א טשוואק, דעריבער הינקט ער. איך וועל נאר ארויסנעמען דעם טשוואק, וועט ער זיין א גוטער פערד גלייך ווי אלע.

פרעגט מען דעם קלענערען: — ווי אזוי האסטו ניט באמערקט דעם טשוואק אין פוס? ביסטו דאך אריינגעפאלען.

ענטפערט דער קלענערער: — אמת, ער איז פיל גרעסער פון מיר, אבער זיין נארישקייט איז נאך פיל גרעסער פון איהם אליין. דעם טשוואק האב איך מיט אבזיכט אריינגעשטעקט אין פוס, אז ער זאל טאקע מיינען, אז נאר דאס איז די אורזאכע, אבער אין דער ווירקליכקייט איז ער טאקע א הינקעדיגער ווי עס דארף צו זיין.

— נו, גרויסער, וואס זאגסטו ערשט? ער האט דיר גוט געבלאפט.

לאכט זיך דער גרויסער פאנאנדער און זאגט:

— אומזיסט וויל מיר דער קראליק פארשטייגען אין בלאפעריי. איך האב דאס אויך פאראויסגעזעהן און דאך איז ער אריינגעפאלען ניט איך, ווייל דעם 20 זלאטעניקעס באנקנאט, וואס איך האב איהם געגעבען, איז א פאלשער. אמת, ער איז זייער גוט נאכגעמאכט, אז עס איז שווערליך צו דערקענען, אבער דאך איז ער א פאלשער.

אפגעגעבען וועמען עס קומט

ווען קרויזהאר איז געווען ארעם האבען זיך זיינע פריינט פון אים דער־ווייטערט. ניט נאר וואס זיי האבען ניט געשעטצט נאר אפילו קיין מאהל אויף א שמחה ניט איינגעלאדען. אז ער איז געווארען רייך איז ער ווידער געווארען א יחסן, אנגעהויבען איהם רופען אויף אלע שמחות, נאר ער איז ניט געגאנגען. האבען זיי גענומען איינמאהל און געמאכט פון זיין כבוד ווענגען א באנקעט. איז ער שוין געקומען, נאר ער האט קיין זאך ניט פאר־זוכט. אז זיי זיינען צו איהם שטארק צו געשטאנען, האט ער די אלע גוטע זאכען גענומען שטופען אין פאקעט (טייסטער) און אין די קעשענעס. — נאט — האט ער געזאגט — דער כבוד קומט אייך, און צוליב אייך איז דאס אלעס.

דעם אמת אין די אויגען

אזוי האט געזאגט יוסף שאול דער וויצלער צו אן אויפגעקומענעם רייכען, זעהר א קארגען: — מען זאגט, אז אין אמעריקע וואלגערט זיך גאלד אין די גאסען. ביי אונז זעה איך א גרעסערען וואונדער: ביי אונז וואלגערט זיך גאלד אין די ערגסטע בלאטע.

דערגעהן די יארען

פרעגט איינער שמעריל דעם סוחר: — ווי קומט עס, וואס איהר דאס אייער שילד פון געשעפט איבער געביטען אויף דער ווייבס נאמען?

— איך האָב עס געמוזט, דען די בעלי חובות זיינען מיר דערגאנגען די יאָהרען.
— נו, און דער פרוי, וואָס איז? — פרעגט מען איהם.
— איהר וועט שוין קיינמאָל ניט דערגיין די יאָהרען, אפילו איך פאר דער חתונה האָב עס אויך ניט.

דער חכם און דער נאַר

געהן אין וועג א חכם און א נאַר. קומט אָן דער אבענד. קומט זיי אוים צו שלאָפען אין וועג. לייגט זיך דער חכם ביי דער זייט פון וועג און דער נאַר אויפן רעכטען מיטען. טראַכט דער חכם, וועסט שוין האָבען פאר דיין נארישקייט. פאָהרט אָן א פויער מיט א פור. באמערקט ער אויפן מיטען וועג ליגט א מענש. קירעוועט ער אָפּ די פור אָן א זייט, פאָהרט ער איבער דעם חכם און קאליעטשעט איהם. שטעהט ער אויף דער נאַר אין דער פרי פריש און געזונד. זאָגט ער צום חכם: — זעסטו שוין, חכם מיינער, אז ניט קיין חכמה העלפט, נאַר מזל.

אַ קלוגער איינפאַל פון אַ חתן

א חתן, וואָס האָט געשריבען דעם ערשטען בריף צו דער כלה נאָך די תנאים, האָט אים געטראָפען א מכשול. שוין האלטענדיג ביי די לעצטע סטראָפען, האָט זיך גראָד די טינט און פעדער צופלאָסען און געמאַכט איינינע גרעסערע קלעקן אויף דעם אָנגעשריבענעם בריף. איבער שרייבען אין גאנצען איז געווען צו פיל ארבעט און ווייניג צייט, שיקען אזוי ווי עס איז — איז דאָס ניט געווען פאסיג. האָט ער מיט א קלוגען צושריפט פאריכט די סיטואציע. און האָט צוגעשריבען פאָלגענדעס:
— ליבע, טייערע שיינדעלע. צום סוף בריף האָט זיך ניט גערן געמאכט א מכשול. די פעדער האָט געמאכט איינינע קלעקען. איך נעם דאָס אָן פאר א גוטען סימן. דאָס שטעלט זיך מיר פאָר, ווי די פעדער גראטולירט אונזער פערלאָבונג און זאָגט: אויף אייער לאנגען צוזאמענלעבען אויף דעם וועג פון לעבענס עקזיסטענץ מאכען א לעבען, זאָלט איר האָבען אלעס, וואָס איהר ווינשט און זאָל אייך „קלעקען" אויף אלץ, וואָס איהר וועט נאַר פערלאנגען.

ניט קיין קללה נאָר אַ וואונש

דער גרויסער צדיק ר' נ., וואָס האָט געהאט א ריינעם מויל, זיך שטענ־דיג געהיט פון א קללה און זארגפעלטיג זיך אָפּגעהיט מיט דער מדה פון שמירת הלשון, איז געקומען צו א רייכען און קארגען גביר בעטען זעהר א נויטיגע נדבה. אז יענער האָט זיך גענומען קווינקלען, זאָגט דער צדיק: „ברעכט דעם קארג". דער גביר האָט געגעבען א נדבה א קליינע זאָגענדיג: „מילא, דאכט זיך עס וועט זיין גענוג". זאָגט דער צדיק: „ברעכט דעם געניג מיטן קארג".

— רבי — זאָגט דער גביר — ווי קומט עס, וואָס איר שילט זיך גאָר?
— ניין, ניט קיין קללה, נאָר א ברכה—איר זאָלט ברעכען אייער נאַטור און ניט זיין קארג און זאָגען גענוג.

פאַרשטעלונג

געהט א היטלער אנטיסעמיט פון פאָרנט. הינטער אים דער איד דאווידזאָן. אומפאָרזיכטיג גיט אים איינער פון הינטען א שטויס, רירט ער אָן דעם אנטיסעמיט, וועלכער קוקט זיך אום אהינטער זיך און רופט זיך אָפּ: „שוויין!"
„דאווידזאָן", ענטפערט אים דער איד מיט א איראָניע.

א איד וועט נעהמען

א מחבר, אן אָרעמער תלמיד חכם, האָט פערפאסט א אידישען ספר, איז ער געקומען צו א גביר, געבעטען ער זאָל ביי אים נעמען דעם ספר. דער גביר איז אָבער געווען א גרויסער קמצן. האָט ער געזאָגט, אז ער גיט ניט און וויל ניט נעמען. רופט זיך אָפּ דער מחבר: — אמת, לא יתן איז טאקע א גרויסע מדה, נאָר עס מאַכט ניט אויס, איך וועל גיין צו א אידען וועט ער נעמען דעם ספר. דער רבונו של עולם מיט זיין ספר האָט אויך אזוי געמוזט אָנקומען צו אידען.

די שאלה פון אן עם הארץ

אין דעם בית המדרש, וואו איך דאווען, פלעגען פיל מענשען קומען שבת מיך פרעגען אייניגע שאלות אין סדר השבוע. נאָהענט איז געשטאנען איינער אן עם הארץ. גייט ער אויך צו און פרעגט מיר בזה הלשון:
— רבי, זאָגט מיר, איז טאקע מטות געווען א פערד, וואָס ער גייט מיט משה? (מטות ומסעי דאמאלסט געווען.)

וימת מלך מצרים ויאנחו

דער צוזאמענהאנג פון טויט פון דעם בלוטיגען מלך מצרים מיט דעם געשריי פון די אידען צו גאָט קען דערקלערט ווערען צוליב דעם, וואָס די אידען האָבען ניט געקענט ניט נאָר שרייען אויף זייערע עולות און יסורים, אפילו א פיפס טאָן צוליב מורא פאר שטארקע רעפרעסיעס ווי אין ראטען רוסלאנד און נאָך מעהר אין דייטשלאנד — פאר גרויל פראָפּאגאנדע און פאר די שפיאָנעריי אויף דעם געביט.
ערשט, ווען דער פרעה איז געוואָרען טויט, האָט מען דאן זיך אויפ־געקליבען אין די געבעט הייזער אָפּריכטען טרויער צערעמאָניעס מיט הספדים

און געוויינעריי, האָט מען שוין במילא אויסגעגאָסען די הארץ פאר דעם רבונו של עולם אויף אייגענע צרות און אריין געשמוגעלט אין קאָנטראבאנד, ווי עס פירט זיך אין די דעספּאָטישע לענדער . . . אויך אייגענע ליידען.

אידישע ווערטלאך

מיט קרומע פיס קען מען גיין אין א גלייכען וועג. מיט א קרומען קאָפּ — ניט.

א קלוגער קען אמאָל רייך ווערען פון זיין חכמה. אָבער דער נאר וועט קיין מאָל ניט קלוג ווערען פון זיין עשירות.

אלו הן אשמות

די פאלשע בעשולדיגונגען, וואָס די שונאי ישראל לייגען ארויף אויף די אידען דורך בלבולים, ווערן פאָרמולירט דורך דער משנה אין זבחים „אלו הן אשמות", וואָס מיר זאָגען אין דאוונען, איזהו.

אשם גזלות, אידען בעראבעווען זיי. אשם מעילות. מען נארט זיי דורך אלערליי מאניפולאציעס, ווי פּראָטאָקאָלען אויסגעטראכטע פון זקני ציון. אשם שנחה חרופה, וואָס הגר האָט געליטען פון שרה'ן. אשם נזיר, וואָס אידען זיינען סעפּארירט, ניכטער. אשם מצורע, כלומרשט ניט ריין. אשם תלוי, א בלבול אז זיי האָבען געקרייצט דער ערלייזער זייערן.

אשם גזלות, פון מענשען פון דער אונטערוועלט — באנדיטען, וואָס ווילען פּאַגראָמירען און רויבען. אשם מעילות, פון פעלשער, פיפיגע דיפּלאָמאטישע שטיק, אלערליי טריקען. אשם חרופה, וואָס ווארפען אונטער זייערע אונגעזעצליכע ממזרים און טראכטען אויס ריטועלע מאָרדען—עלילות דם. אשם נזיר, צום ביישפּיל די „פלאגעלאנטען" אָדער „גייסל ברידער" אין 13טען יאָרהונדערט, אזא סעקטע וואָס פלעגט זיך פייניגען, שמייסען איינע די אנ־דערע און דערביי אָנפאלען אויף אידישע געמיינדעס, מאָרדען, פּלינדערן, ווי מען קען עס זעהן אין דער אידישער היסטאָריע. אשם מצורע, מענשען פערדאָרבענע, איזאָלירטע, מיט ווענערישע קראנקהייטען און אנדערע צרעתן, וואָס פלעגן אויסלאָזן זייער ביטערען כעס אויף אידען. און אשם תלוי, דער גרויסער כעס פון סאדיסטען, בעלי תאוות, און דאָס גלייכען, ווי די היטלע־ריסטען וואָס פארטראָגען נישט וואָס מען האָט אויף זיי אָנגעהאנגען די קריסטליכע לעהרע וואָס לערענט זיטליכקייט, ומדות טובות.

פּראָסטאָקעס קלייבען א רב

ערגעץ וואו אין א ווייטער געגענד האָט זיך געגרינדעט א אידישע געמיינדע, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרען זייער פארגרעבט. האָבען זיי פארלאנגט א רב, וועלכער זאָל קענען גוט מסדר קדושין זיין. זיינען געקומען צוויי קאנדידאטען. און דער גבאי, וואָס איז געווען א שטיקעל יודע ספר, איז געוואָרען דער עקספּערט, דער מבין.

האָט מען געלאָזט ברענגען צוויי יונגע פּאָרלעך צו פירען זיי אונטער דער חופּה און די חתנים זיינען נאָר גרויסע פּראָסטאַקעס, אמתע אַלפאַבעטן.

אזוי ווי די שווערינקייט ביי מסדר קדושין זיין קומט אָן אין דעם וואָרט „לי", וואָס דער חתן דאַרף דאָס אליין זאָגען, און ניט נאָכזאָגען, האָט זיך יעדער קאַנדידאַט געגומען זיין חתן און אים געלערענט בעזונדער אין א צימער דעם גאַנצען טעקסט פון דעם הרי את. איינער, דער פרומער, האָט אים ערקלערט דעם גאַנצען פּירוש המלות פון דעם הרי את און האָט געזאָגט, דאָס ער וועט אים פיר זאָגען וואָרט ביי וואָרט, נאָר דעם וואָרט „לי" מוז ער אליין זאָגען.

דער אַנדערער רב איז געווען א קליגערער. ער האָט געזען מיט וואָס פאַר א גראָבע מוחות ער האָט דאָ צו טאָן. האָט ער געקויפט אין א קראָם א הילצערנע פייפעל און געזאָגט צו זיין חתן: — איך האָב מיט דיר גאָר ניט וואָס צו לערנען. איך וועל אַלץ ריידען, זינגען און זאָגען, נאָר ביי איין שטעלע וועסטו מיר דאַרפען נאָך זאָגען וואָרט ביי וואָרט. איך טאָר דיר ניט פאַרזאָגען, נאָר כדי דו זאָלסט זיך ניט צו טומלען און פאַרגעסען, האָב איך געקויפט א קליינע פייפעלע, וואָס שפּילט אויס לי, לי, לי. איז ווען איך וועל זיך אָפּשטעלען וועל איך דיר געבען א צייכען, זאָלסטו זיך דערמאָנען און אויסשרייען לי איין מאָל, פאַרשטייסט?

מען האָט גענומען מאַכען די חופּה. צום ערשטען , פון דעם סאַמען רב. ער הויבט אָן זאָגען הרי, דער חתן זאָגט נאָך הרי, את — את, מקודש— מקודש. ערשט שווייגט ער צו, און אז דער חתן שווייגט אויך, זאָגט ער „נו", זאָגט דער חתן אויך „נו" נאָך אמאָל. „נו" — „נו", „זאָג אליין" — „זאָג אליין", זאָגט נאָך דער חתן, און דער סדר פון דער חופּה מיט דעם רב איז דורכגעפאַלען מיט א קנאַק.

נאָכהער פירט מען אריין דעם צווייטען חתן — אויך די זעלבע צערע־מאָניע. דער קלוגער רב זאָגט: הרי — דער חתן זאָגט נאָך הרי, את — את, מקודש — מקודש. דאָ שטעלט זיך אָפּ א סעקונדע דער רב, און גיט א ווייז אויף דעם פייפעל, וואָס האָט ארויסגעסטאַרטשעט פון וועסטעל־קעשענע. דער חתן באַמערקט עס און גיט א געשריי „לי!" איז עס געוואָרען א פּאַ־טשעריי, א געשריי בראַוואָ. מען האָט פאַרענדיגט די חופּה. דער מסדר קדושין האָט בעקומען די שטעלע מיט מתנות, און האָט נאָך אויסגערופען, אז דער פרומער רב זאָל הערען: ארוממך ה' כי דליתני, ולא שמחת אויבי לי, ד ה., דער לי האָט זיך מיר איינגעגעבען.

שלמה המלך'ס עצה פאַר גראַפאָמאַנען

אין קהלת, קאַפּיטל י"ב, פּסוק ו, געפינען זיך צוויי פּסוקים: „דברי חכמים כדרבונות וכמשמרות נטועים בעלי אספות נתנו מרועה אחד: ויותר מהמה, בני, הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ ולהג הרבה יגיעת בשר".

קען מען זיי אזוי פאַרטייטשען: אויב ספרים, וואָס ברענגען גרויסע נוצען און בלייבען אונשטערבליך, איז דאָס נאָר „דברי חכמים", שאַפונגען פון וויסענשאַפטסלייט; כדרבונות, זיי זיינען ווי יענע גראָב אייזען וואָס גראָבען אויס מיטן וואָרצעל אַלע שלעכטע, שעדליכע געוויקסען; וכמשמרות, און פעסטיגען איין אייזען פעסט גוטע מדות, תורת אמת. ארום אזעלכע

גייסטיגע קאנצענטרירען זיך שטענדיג פיל גרויסע לייט, א קייט פון לאנגע דורות מיט קאמענטארען ווי ביי תורה גמרא און ד. ג. נתנו מרועה אחד און אין אלעם די געדאנקען פון איין לייטער, איין גייסטיגען שעפער.

ויותר מהמה, אויסער אזעלכע קלאסיקער, הזהר עשות ספרים הרבה, היט זיך גראפאמאן פון אנמאכען פיל ספרים, וועלכע קענען דיר ניט ברייגגען קיינע מאטעריעלע און דער וועלט קיינע גייסטיגע נוצען. טוסט עס געווים נאר צוליב אין קץ, דו זאלסט דאדורך בלייבען אונשטערבליך. צוליב דער איינבילדונג להג הרבה פלוידערסטו אן א סך, ויגיעת בשר און שטרייגגסט אן דיינע פיזישע קרעפטען. א שאד די געלד און די צייט.

החיים והמות ביד הלשון (א אראבישע מעשה)

דעם פאדישאך פון בערבערי האט זיך גע׳חלומט, אז ביי אים זיינען אלע ציין אויסגעפאלען. שיקט ער רופען א פותר חלומות (א טרוימען בע־שיידער) און בעט ער זאל אים בעשיידען זיין חלום.

— א, גרויסער הערשער, ליכט פון דער וועלט! דער חלום ווייזט זייער ניט קיין גוטע זאך אין דער צוקונפט. ער ווייזט, אז אלע דיינע זיהן און טעכטער וועלען ביי דיין לעבען אויסשטארבען.

דער פאדישאך איז אריינגעפאלען אין א גרויסען גרימצארען און גע־הייסען גלייך אים אויפהייגגען פאר זיין שרעקליכער בעשיידונג.

ער האט געשיקט רופען אן אנדער פותר חלומות, וואס איז געווען א קלוגער, דורכגעמאכטער פארשוין, דערציילט אים דעם חלום און פרעגט זיין בעשיידונג. דער פותר חלומות ענטפערט מיט גרויס פרייד:

— גרויסער הערשער! דער חלום ווייזט פאר דיר א גליקליכע צוקונפט. ער ווייזט אזוי פיל אריכות ימים, דו וועסט אזוי לאנג גליקליך לעבען, ביז דו וועסט איבער לעבען דיינע אלע זין, טעכטער און אייניקלעך.

פאדישאך איז געווען צופרידען פון דעם ענטפער און האט בעשאנקען דעם בעשיידער מיט פיל טייערע מתנות.

באמת האבען ביידע געזאגט איינס און די זעלבע, אבער די קונסט בעשטייט אין דעם ווי אזוי מ׳רעדט עס ארויס.

פארוואס זאגט מען, א חזן איז א נאר?

מיט אזא פראגע האט זיך געווענדעט א חזן צו דעם שטאט פקח (קלוגער).

— איך וועל דיר זאגען — האט דער פקח געענטפערט — אויף לערנען תורה און קריגען רח״ש, שטייט ר׳ח׳ש לבי דבר טוב. גייט עס כסדר: פריער „ר״—דער רב, נאכהער דער „ח״—חזן, צום סוף „ש״—דער שמש.

— אויפשטעהן אין דער פריה און קומען אין ביהמ״ד צום דאוונען, איז ש׳ח׳ר אקום להודות לך — פריער דער ש—שמש, נאכהער ח—דער חזן, צום סוף דער ר—רב, וואס מען ווארט אויף אים.

— אבער אין מ״ס חולין וואס מען רעכענט אוים, ווער טאר ניט שעכ־טען, שטייט שוין: הכל שוחטין (אלע מעגען קוילענען) חוץ מחרש שוטה

וקטן. איז ביי דעם וואָרט חרש רעכענט ער שוין צו ערשט ח—חזן, נאכהער ר—רב, צום סוף ש—שמש. פון פראַקטיק ווייס מען, אז ער טויג זיך אוים צו די בעלי בתים פון בית המדרש.

אַן אמת׳ער איד

ח. פּ. איז געווען זעהר פרום און שרעקליך קאַרג. קומט צו אים ר׳ א. בעטען א נדבה. זאָגט ער, איך האָב א פּרינציפּ, אז איך גיב ניט.

— מען זאָגט טאַקע אויף אייך, אז איר זייט בצדק א איד, זאָגט דער רב.

— וואָס הייסט עס? — פרעגט דער איד.

—בצדק הייסט ר״ת, ביז צו דער קעשענע.

ולא עם הארץ חסיד

בעדויערט א חסיד שוטה זיין רבין און זאָגט: — דער רבי זאָל לעבען האָט זיבען מיידלאַך. אַלע שיינע, געראָטענע. א ברכה פון הימעל. נאָרליידער איז אפילו קיין איינע פון זיי ניט קיין בת תלמיד חכם.

אַן אַלט אידישער ווערטעל

פּאַראַן אידען וואָס א גאַנץ יאָהר פירען זיי זיך אויף גאָר ניט פרום, נאָר ווי עס קומט ראש השנה ביז נאָך הושענא רבא ווערען זיי בעלי תשובה. אויף זיי האָט עס געזאָגט ישעיהו הנביא: מכף רגל ועד ראש אין בו מתום, ד. ה. פון דעם לולב יום טוב, וואָס הייסט כפות תמרים, געמיינט סכות, ועד ראש—ביז ראש השנה איז אין בו מתום, איז מיט זיי ניט גאַנץ אין אָרדנונג וועגען אידישקייט.

די נשמה בעפאָר זי צושיידעט זיך מיט דעם גוף

(א דרשה יום כפור פאר הזכרת נשמות)

באַלד אָנפאַנג חודש אלול, ווי עס הויבען אָן אָנקומען די ימים נוראים, איז ביי אונז אידען דער מנהג גיין בעזוכען די קברים פון אונזערע עלטערען און פריינט. און דאָרט, אויף דעם בית עולם, האָבען מיר די געלעגענהייט צו זעהן דעם סוף פון דעם מענשען. און געווים קומען אריין אין קאָפּ די געדאַנקען, אז דער גאַנצער האַרי־אַפּ, דער גאַנצער ווירוואַר פון דעם מענשענס לעבען און אַלע זיינע ליידענשאַפטען, שטרעבונגען און גליקען זיינען נאָר אילוזיעס און פאַנטאַסטישע איינבילדונגען.

און טאַקע צוליב דער סבה זעהן מיר, דאָס אין די טעג, וואָס מען איז מזכיר נשמות, קומען מער מענשען זאָגען, מענער און פרויען, אויך פּאָרטגעשריטענע, מער ווי אין אַלע אַנדערע טעג פון יאָהר, ווייל די עראינערונג פון די טייערע נשמות, וואָס זיינען געווען אַזוי נאָהענט צו אונז, און זיינען אוועק געגאַנגען פון אונז, ערוועקט אין אונז דעם הייליגען געפיל צו

עהרן זייער אָנדיינק מיט ווארעמע תפלות. און דאָס גלייכען אויך א פאר־לאנג, אז ווען עס וועט קומען אויך אונזער צייט זאָלען אונזערע קינדער אויך קומען מיט טרערען און געבעט אָנצינדען א נשמה ליכט צו דעם אָנדיינק פון זייערע עלטערען.

ווי איך וועגען דעם זאָגען א פּאָר ווערטער:

אונזער פּאָטער אברהם, ווען גאָט זאָגט צו אים: „אל תירא, אברם, אנכי מגן לך, שכרך הרבה מאד” (שרעק זיך ניט, אברהם, איך בין דיין בעשיצער, דיין שכר איז זייער פיל), ענטפערט ער מיט א זיפץ און זאָגט: „ה' מה תתן לי ואנכי הולך ערירי” (גאָט, מיין גאָט, וואָס קענסטו מיר געבען, אז איך גיי אוועק פון דער וועלט אליין, אָן קינדער?). הייסט עס, אז די גרעסטע זאָרג פון אברהמ'ען איז נאָר געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט קיין קינדער? איז דאָך די פראגע, צו וואָס איז דער זאָרג אזוי גרויס, וואָס וועט זיין נאָך זיין לעבן?

אונזער אַלטער פּאָטער יעקב קען פיר קיין פאל זיך קיין טרייסט ניט געפינען נאָך זיין ליבען, טייערען זון יוסף, וואָס איז פערלאָרען געוואָרען, וויינט און הערט ניט אויף צו קלאָגען, און זאָגט אַלע מאָל, כי ארד אל בני אבל שאולה (אין דער טיפער גרוב אריין וועל איך אימער טרויערען). און ווען ער דערזעהט אים צוריק א לעבעדיגען, איז די ערשטע ווערטער זיינע רופט ער אוים: אמותה הפעם אחרי ראותי פנך, כי עודך חי! (ערשט וויל איך שטאַרבען, אז איך זעה דיין געזיכט און אז דו לעבסט נאָך!). איז עס אויך זאָנדערבאר? פארקערט דארף עס זיין. ערשט יעצט דארף ער וועלען לעבען און געניסען פון פרייד פון דער אנוועזענהייט פון זיין ליבלינג?

בלעם, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע צוררי ישראל, זיינען די לעצטע ווערטער זיינע געווען: „תמות נפשי מות ישרים ותהי אחריתי כמהו” (זאָל מיין נפש שטאַרבען דעם טויט פון ערלאַכע, און זאָל זיין מיין ענדע ווי ביי אים, ביים פאָלק ישראל). וואָס פאר א גליק האָט ער עס געפונען אין זיין יציאת אָדער מיתת נשמה, וואָס וועט זיין, ווי ביי הערליכע און פרומע?

די גמרא זאָגט (כתובות דף קי”ג) „מת מתוך השחוק סימן יפה לו” (ווען איינער שטאַרבט א צופרידענער און מיט א שמייכעל, איז דאָס א גוטער סימן). שטעלט זיך די פראגע, איז דען מעגלאך, ווען א מענש געפינט זיך אויף דעם העכסטען פונקט פון זיין קריטישער לאגע, זאָל ער האָבען מוטה און ווילען אין אזא מאָמענט גאָר שמייכלען? צי אויף אזא צייט האָט עס שלמה המלך געזאָגט: „עת לשחוק”?

נאָר היינט, פריינט, אז די מעהרסטע פון אונז האָבען מיט אונזערע אויגען געזעהן דעם סוף פון דעם מענשען און דעם תכלית פון זיינע רייכ־טהומס, מיה און שטרעבונגען, מער ניט ווי א העכערער זאמד בערגעלע, און ווען אויך א שענערע שטיינערנע מצבה, דארפען מיר גוט פארשטיין, דאָס דער אמת'ער גליק פון יעדען מענשען בכלל און פון א אידען בפרט, סיי ווען ער לעבט און סיי נאָך זיין טויט, איז, אויב ער לאָזט איבער נאָך זיך גוטע, ערליכע קינדער, וואָס זאָלען גיין אין גאָט'ס וועגען און ניט אָפּווייכען פון די עלטערען, ווי גאָט האָט אָנגעזאָגט אברהמ'ען. למען אשר יצוה את ביתו ואת ביתו אחריו. געמיינט: נאָך אים, גיין אין זיינע וועגען, ניט זוכען קיין נייע פאַלשע געטער.

דעריבער האָט זיך עס אברהם בעקלאָגט און געזאָגט: וואָס קענסטו מיר געבען, ווען איך גיי אוועק פון דער וועלט אָן קינדער? וואָס פאר א ווערט

האָט ביי מיר די גאָלד מיט די זילבער מיט אנדערע ווערטהען ? גאָר נישט מיט גאָר נישט. קיין האַפט.

דער עיקר וויל איך האָבען אזעלכע קינדער, וואָס איך זאָל זיי קענען רעכענען פאר מיינע, איינוואָרצלען אין זיי גוטע מדות, יראת שמים און תורה, זיי זאָלען ניט איבערריסען די גאָלדענע קייט.

נאָר אויב אין פערלויף פון דער צייט פון דעם שטורמישען לעבען, ווען מען יאָגט זיך מיט דעם גאַנצען אימפעט פאר דעם קאמף פון עקזיס־טענץ צו זוכען פרנסה, אָדער נאָך לוקסוס און תענוגים, נעמט ער גאָר ניט אין אַכט וועגען דעם טראַגישען סוף פון דעם מענשען, נאָר דאָך איז פאראַן פערשידענע צייטען, וואָס עס שטעלען זיך פאר אים פאָר, ווי אין א שפיגעל, אלעס וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין פערלויף פון זיין לעבען, און ער גיט זיך אָפּ א רעכענונג פאר זיך זעלבסט, און ער דריקט אויס אָדער מיט אנגע־נעהמער צופרידענהייט, אָדער מיט געוויסענביסע און טרויער.

און די גמרא אין חגיגה ה׳ זאָגט אויף דעם פסוק: „כי הנה ה׳ יוצר הרים״, דאָס יעדען מענשען פאר זיין טויט, ווערט אים פאָרגעשטעלט זיין גאַנצע פערגאַנגענהייט. בילדער פון זיין לעבען אמאָל אזוי אויך אין תענית י״א מיט מער קאָמענטארען.

אזעלכע געדאַנקען און וויזיעס קענען זיך אמאָל ציהען א צייט, און פארן טויט אין א גרעסערען מאסשטאב. היינט בעשטעטיגען עס די גרויסע וויסענשאַפטס געלערנטע דורך ערפאהרונגען. און דאַן ווי גליקליך איז דער מענש, וואָס אין יענע צייטען, אין די לעצטע מינוטען זיינע, איז ער זיכער אין הארצען, דאָס ער לאָזט איבער נאָך זיך צום אָנדענקען גוטע קינדער, פול מיט באַצילען פון כפירה, פריצות און הפקרות. אזו וואָס וואַקסען אויס מענשען מיט א גוטען רענאמע. דאָס איז אויך די בעדייטונג פון קדיש און נאָך פילע אנדערע אידישע טראַדיציעס.

דעריבער איז שוין רעכט, וואָס יעקב אבינו האָט געזאָגט: אמותה הפעם, אלם איך זעה, דאָס דו יוסף ביזט א לעבעדיגער, א צדיק, וואָס איז אויס־געשטאַנען אזוי פיל נסיונות קשים. ווערט שוין זיין מיין טויט מיט דעם בעוואוסטזיין, אז איך לאָז איבער נאָך מיר אזא גוט קינד.

דאָס גלייכען גאַרט בלעם אויך צו אזא רוהיגען טויט, וואָס ביי זיין אַרט לעבען פון קינדער ערציהונג, קען עס גאָר דער פאל ניט זיין.

די גרעסטע טרייסט פאר אהרנ׳ען האָט משה אויסגעדריקט מיט דעם, וואָס ער האָט געוויזען זיין זוהן אלעזר פאַרטרעט מיט ווירדע זיין שטעלע.

און דאָס איז אויך דער מיין וואָס אונזערע חכמים זאָגען : מת מתוך השחוק, ווען דער מענטש שטאַרבט מיט א שמייכעל, צופרידען, איז א סימן ער האָט געלאָזען נאָך זיך גוטע קינדער.

אויב אזוי, טאָ ווען האָבען מיר נאָך אזא געלעגענהייט, ווי אין דער איצטיגער צייט, פאר הזכרת נשמות, וואָס מיר דערמאָנען די הויכע נשמות פון אונזערע טייערע עלטערען און דערביי געבען זיך אליין די פראַגע, צי מיר,וואָס מיר זיינען דער איבערגאַנגס פונקט פון עבר ביז דעם עתיד, פון פאַרגאַנגענהייט ביז דער צוקונפט, זאָרגען מיר וועגען דעם, אז אונזערע קינדער זאָלען ניט איבער רייסען די גאָלדענע קייט פון טייערען עבר בנוגע מדות און מוסר ?

און ווי זאָנדערבאַר איז, אז אין דעם פאל טראָגען די גרעסטע שולד גראָדע די מוטערס, די אידישע מוטערס. זיי, מערסטענס זיי, זיינען עס די פאַקטאָרען, וואָס דערווייטערען זייערע קינדער פון דעם ריינעם קוואל פון

אמונה און תורה, טליען די נשמה׳לאך, וואס גיבען זיי צו טרינקען וואסער פון אזא ארט ערציהונג — זעט מען מיט די אויגען טאג טעגליך.

ווער? די מוטערס? די אידישע מוטערס, וואס איינער א גרויסער אידישער דיכטער האט אויף זיי געזאגט מיט זיין דיכטער שפראך:

„מענשען, א איר מענשען. ווייסט איר דען, וואס הייסט א אידישע מוטער? איך וועל עס אייך זאגען: דאס איז א קאפ, וואס פילט מער ניט ווי דעם ווייטאג פון איר קינד; א מאגן, וואס פילט שטארק דעם הונגער פון איר קינד. דער לעבען פון אזא מוטער איז א געמיינזאמער, צונויפגעשמאל־צענער לעבען צוזאמען מיט אירע קינדער, סיי אין דער צייט פון פריידען, סיי אין דער צייט פון לײדען, גלייך פון געבורט ביז דעם טיפען עלטער. די מוטער איז אזא מין באשעפעניש אין דער צייט ווען זי עקזיסטירט אויף איר וועלטעל, דאס די צערטליכע, איידעלע זעלע, וואס פילט און שפירט שטענדיג און אויפהער די לײדען פון אירע קינדער, און שטארבט אויך ביסלאך ווייס, לאנגזאם מיט דעם טויט, וואס טרעפט מיט ווען עס איז פון אירע קינדער.

ממך מפניך

אין פ. ואתחנן שטייט: להוריש גויים ממך מפניך, וואס הייסט ממך און מפניך ניט מלפניך? האט געזאגט אויף דעם דער גאון ב. דאס האט א באזונדער באדייטונג, געזאגט אויף יעדען יחיד, ער זאל ארופ־טרייבען די גראבקייט, די גוישקייט פון זיין אייגענעם פנים, אבער דאס קען נאר פארקומען נאך דעם, ווי דו וועסט זיך פירען אינערליך „ממך״ אין גוטען וועג.

א אינגעל וואס קען קיין צוויי ניט צעהלען

אין דעם ערשטען קלאס פון אנפאנגס שולע קומט אן אן אינספעקטאר (איזיטאטאר) עקזימינירען די קינדער. שטייט ער אויף דער קאטעדרע און הינטער אים דער לערער. דער אינספעקטאר פרעגט א שילער א מאטע־מאטישע פראגע: — זאג נאר, בערל. אז פון 11 נעמט מען אראפ 9 פיל בלייבט?

דער אינגעל שטייט א צוטומעלטער. גיט ער הינטערווייל׳לאכץ א קוק אויפן לעהרער, זעט ער, אז ער שטייט מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ און ווייזט 2 פינגער.

— הער אינספעקטאר — רופט זיך אפ דער שילער — זייט אזוי גוט, דרייט זיך אום א הינטער זיך, דער לערער וויל אויך עפעס פרעגען.

ביי זיי און ביי אונז

ביי זיי און ביי אונז. ביי זיי הייסט עס דרוק די זעלבע אותיות וואס רקוד (טאנצען); ביי אונז הייסט עס דפוס. דאס זעלבע אין אן אנדער צוזאמענשטעל וואס: ספוד (קלאגען).

המשורר ביאליק זאגט: פריהער הייסט עס: מדפיס, נאכהער מפסיד, נאכהער מספיד.

דער פאַלשער אָרימאַן

אן אָרעמאן פלעגט ביי איינעם א אידישען גביר בעקומען אלע חודש א נדבה 10 גראָשען. איינמאָל באמערקט דער גביר ווי דער אָרעמאן טראָגט א שפּאָר ביכעל אין מלוכה באנק, און דערוויסט זיך, אז ער האָט א מטמון געלט. ווען דער אָרעמאן איז געקומען צו אים ראש חודש נאָך דער נדבה, רופט זיך אָן דער גביר צו אים מיט כעס: „ווי דערוועגט זיך דאָס א איד צו זיין אזוי פאלש, א עושר פארשטעלט זיך פאר אן אָרעמאן און גייט אום בעטען נדבות. פע, שעמען מעגט איר זיך אין אייער האלז. מער זאָל אייער פוס מיין שוועל ניט איבערטרעטען."

— א גרויסע עולה געפונען! — ענטפערט דער אָרעמאן — די גבירים מעגען אלץ און אן אָרעמאן גאָר ניט. אז אן אָרעמאן פארשטעלט זיך פאר א גביר און עפענט א באנק מעג ער און אז אן עושר פארשטעלט זיך פאר א קבצן איז א הימעל געשריי. אָבער פארשטייט אליין, אז איך האָב זיך פאר־שטעלט פאר אן אָרעמאן, נאר איך אוים בא אייך 10 גראָשען א חודש, נישט אזא גוואלד. אָבער אז א קבצן פארשטעלט זיך פאר א גביר ווי איר, עפענט אויף א באנק און מען טראָגט אים אין די גרויסע טויזענדער פקדונות, און ער פייפט זיי אלעמען אָן, דאָס איז רעכט.

ווערטלאך

מענשען מאכען פאלשע געלט און געלט מאכט פאלשע מענשען.

א הקפה שמחת תורה אין שול צו בעקומען איז גרינג, אין קראָם—שווער. פאר וואָס?

ווייל די ספר תורה איז זיכער אז ער גיט אוועק, די הקפה אין קראָם איז ניט זיכער.

אַ שטאָדט אין קריאת שמע

אן אויפגעקומענער גביר, א גרויסער פּראָסטאַק, האָט זיך געקויפט א „שטאָט" אין שול אויף דער מזרח זייט נעבען רב. דעם רב האָט עס פער־דראָסען, נאָר ער האָט גאָר ניט געקענט העלפען. איינמאָל, נאָך דעם דאווגען מאכט דער גביר צום רב:

— עס איז מיר שווער א קשיא. אין קריאת שמע שטייט „עשב בשדך", ווי קומט דער פעטער עשו אין קריאת שמע?

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט דער רב — דער פעטער עשו איז געוועז א גרויסער גביר, האָט ער געקויפט א שטאָט אין קריאת שמע.

ווייטער אומעטיג

א פרוי זעהר א שלעכטע, האָט געהאט גאָל שטיינער. דער דאָקטאָר האָט איר געמאכט אן אפעראציע און ארויסגענומען די גאָל שטיינער. נאכהער באגעגענט דער דאָקטאָר דעם מאן אין גאס זייער פערזאָרגט. פרעגט ער אים:

— וואָס זאָרגט איר היינט? די אָפּעראַציע האָט דאָך זייער געלונגען.
— פאַר מיר וועניג וואָס — האָט דער מאַן איראָניש געענטפערט — די שטיינער האָט איר טאַקע ארויסגענומען, אָבער די ביטערע גאַל איז געבליבען.

מצה באַקען צום אידישען לעבען

דער אידישער לעבען איז אין איין פּרט ענליך צו באַקען מצה. דאָ, אזוי ווי דאָרט, איז א מורא (א מיירע) אראָפּ און באלד די אנדער מיירע ארויף. דאָס איז א וואָרט שפּיל. מורא איז א העברעאיש וואָרט, וואָס באדייט שרעק. (מיירע שטאַמט פון סלאַוויש. מיערא, מיארא באדייט א מעסטעל, וואָס מען שיט אין בעקען.)

וועגען כל נדרי

די תפלה פון כל נדרי און איר באדייטונג, וואָס פיל גרויסע חכמי־ישראל שטעלען פראַגען וועגען דער אינהאַלט, איר צוזאַמענשטעל, איז גענוג בעהאַנדעלט געוואָרען, און נישט איצט איז די צייט און דאָ דער אָרט פיל צו שרייבען און צו ריידען.

איך וויל דאָ מער ניט ארומריידן וועגען דעם, פאַר וואָס זי טראָגט אזאַ פייערליכע, הייליגע שטימונג און די צוגעפּאַסטע מעלאָדיע, וואָס די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרען זיינען נשתומם און דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר רובינשטיין און נאָך אנדערע געפינען ניט קיין ווערטער אָפּצושאַצען איר ווערט, און מאַכט אויף אַלעמען א קאָלאָסאַלען איינדרוק.

וויל איך איבערגעבען נאָר וואָס איך האָב געהערט פון צונזער'ן, וואָס האָט מיר געגעבען די מיינונג פון דעם גרויסער זינגער גאָלומב, וועלכער האָט ערגעץ געפונען, ווי אזוי עס פּאַסט זיך איין די מעלאָדיע מיט דעם אינהאַלט פון די ווערטער.

עס איז דאָך בעוואוסט פון דעם מארטירער לעבען פון אונזערע ברידער אין שפּאַניען אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון פערדינאַנד און איזאַבעלא אונטער דער ווירקונג פון טאָרקוועמאדא מיט די אנדערע, וואָס האָבען איינגעפירט די שרעקליכע אינקוויזיציע אויף צו פּייניגען מיט אַלערליי יסורים און עגויים קשים די אידען, זיי זאָלען זיך מודה זיין, אז זיי האָבען פערראַטען זייער נייע אמונה.

און נאָכהער פלעגט מען זיי עפענטליך און מיט גרוים פּאָמפּע פאַרברענען אויף דעם שייטער הויפען פון דער „אויטאָ דע פע".

צוליב דער מורא פלעגען פיל צוואַנג־געטויפטע אידען — מאַראָנען־אַנוסים — זיין זעהר פאָרזיכטיג צו ערפילען די אידישע דינים און טראַדיציעס, ווייל די שפּיאָנעריי פלעגט זיין אונגעהויער שטאַרק. אָבער דאָך אין דער הייליגער נאַכט פון יום כפור האָבען זיי זיך ניט געקענט אויסהאַלטען און, זעהר קאָנספּיראַטיוו, דורך געהיימע צייכענס און פּאַראָלען, זיך צונויפזאַמלען ערגעץ וואו אין א געהיימען ווינקעלע פון א קעלער און אָפּריכטען די תפלות פון דעם אבענד בצבור און מיט גרוים געוויין.

און ווי בעוואוסט, ווען די זעלבע אידען האָבען געמוזט איבערנעמען

דעם נייעם גלויבען, פלעגען זיי דערביי מוזען געבען די שטארקסטע שבועות, אז זיי וועלען אפהיטען דעם נייעם גלויבען מיט דער גאנצער פינקטליכקייט און אין גאנצען פארלאזען און פארגעסען דעם אלטען גלויבען. איז צוליב דעם איז ביי זיי איינגעפירט געווארען, איידער זיי האבען צו געטראטען צו דער תפלה, זאגען דעם כל נדרי, וואס דאס באדייט, אז זיי זיינען מתיר יענע געצוואונגענע שבועות און נדרים, וואס זיינען אויסגעפרעסט געווארען פון זיי מיט צוואנג, און זאגען עס דריי מאל, ווי דער דין. און אזוי ארום איז שוין רעכט, וואס די עלסטע דריי מענשען מיט ספרי תורות אין די הענט זאגען דעם על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירין להתפלל עם העבריינים (עס איז ערלויבט צו מתפלל זיין מיט די אומגלויביגע), און דער עולם ענט־פערט דעם „ונסלח".

אין מאדריד, די הויפטשטאט פון שפאניען, איז געווען איינער פון די מאראנען — דאן מיגואל האט ער געהייסען, זעהר א גרויסער חשוב ביי דעם קעניג, אלס פינאנס ראטגעבער, ארויסגעקומען פון בית דוד. זיין איבער־בלייבען אין לאנד איז געווען אום צו מונטערען און שטארקען די איבער־געבליבענע, זיי זאלען זיך פעסט האלטען ביי זייער אמונה. אין זיין גרויסען און פרעכטיגען פאלאץ האט ער צוגעגרייט אין א קעלער א געהיימען מקום קדוש, וואו יום כפור אבענד פלעגען זיך צונויפקומען די פערטרויאונגס מענשען צו אפריכטען די תפלה כל נדרי בצבור.

אבער עס איז פארט איין מאל ענטדעקט געווארען די זאך דורך די געהיימע אגענטען פון דער אינקוויזיציע, און גראד ווען זיי האבען געהאלטען אין מיטען דער תפלה זיינען אנגעפאלען די שווארצע מחבלים מיט די פאר־מאסקירטע לאמטערנעס און מיט זייערע בעדינער און פאליציי און האבען זיי געפאקט.

א שרעק האט ארום גענומען די דערשראקענע מתפללים, און זיי זיינען באלד געבונדען געווארען און געווארפען געווארען צו דער ערד, ביטער געקלאגט און געזיפצט, וויסענדיג וואס פאר א שרעקליכע פייניגונגען ער ווארט אויף זיי פון דער אינקוויזיציע. און דער סוף איז געווען, אז די לעבען געבליבענע זיינען געבראכט געווארען צו דעם מארק פלאץ, וואו עס האט שוין געפלאקערט דער אויטא דע פע מיט א קנאקעריי און מען האט זיי אנגעהויבען מיט דער גאנצער הייליגער צערעמאניעווארפען לעבעדיגער־הייד אין פייער.

נאר פאר דעם דאן מיגואל'ן האט מען געוואלט מאבען אן אויסנאם, ווייל פיל גרויסע לייט און דער קיסר אליין האבען זיך פאר אים משתדל געווען, צוליב זיינע גרויסע פערדינסטען. איז בעשלאסען געווארען, אז ווען דיזער דאן מיגואל וועט פייערליך שווערען, אז ער קערט זיך אום צו אונזער הייליגען גלויבען און זיך מיטן גאנצען הארצען אפזאגען פון זיין אמונה, וועט אים די שטראף געשיינקט ווערען און ער בלייבט ביי זיין הויכען אמט ווי פריער.

האט מען צו אים דערלעגירט א מאנאך, וועלכער האט עס איבערגעגעבען און גענומען אים שטארק צו ריידען, אז ער זאל דעם שריט טאן, און טאקע שוין, ווארום די צייט ווארט ניט און דער פייער ברענט.

אלס ענטפער אויף דעם האט ער דאן גענומען שרייען נאכאנאנד — די קייט! די קייט! ווי זאל איך אפרייסען די קייט.

— וואסערע קייטן? — פרעגט דער מאנאך — דורך דעם חסד פון קיסר ביזטו פריי, ניט געבונדען!

— די קייט — ענטפערט ער — ציט זיך ביי מיר פון אונזערע אבות אברהם, יצחק, יעקב, און עס גייט ביז דוד און שלמה, הלל הזקן, ר׳ גמליאל און ווייטער. זאָל איך עס מיט מיינע הענט ערשט איבעררייסען די הייליגע קייט? ניין! ניין! — האָט ער העכער געשריען: „שמע ישראל ה״ א. ה׳ אחד״ — האָט ער אויסגערופען און אַריינגעשפרונגען מיט אימפּעט אין שייטער הויפען.

צווישען דעם גרויסען עולם פערזאמעלטע האָט זיך געפונען אויך א מאראן מיט א הייסער אידישער הארץ און מיט א גרויסען טאַלאנט אלס קאָמפּאָזיטאָר און שריפטשטעלער. אויף איהם האָט די גאַנצע סצענע געמאַכט א שוידערליכען איינדרוק. ער האָט זעהר געוואָלט עס פאַרצייכענען עס זאָל בלייבען צום אייביגען אָנדענק. אז רעדען און שרייבען איז פארווערט, פאַ א מינדסטען חשד איז באלד אינקוויזיציע ענויים, האָט ער געפונען א פּלאַן דאָס צו פערצייכענען מיט דער שפּראך פון מוזיק, וואָס מבינים וועלען עס שוין שפּעטער אויסגעפינען. און אזוי ארום האָט ער בעשלאָסען די כל נדרי קאָמפּאָזיציע, איינגעטיילט אין טיילען, וואָס גיבען ארויס די גאַנצע געשיכטע אויף דור דורות.

דער ערשטער טייל גיט ארויס די הייליגע שטימפולע טענער, וואָס דריקט אויס געבעט צו גאָט, ווייזט ווי אזוי אידען שטייען מיט הייליגע געפילען, איינגעוויקעלט אין קיטלען און טליתים און בעטען. ווייטער גייט ווי עס באווייזען זיך די מלאכי חבלה, דער עולם ווערט ארומגענומען מיט גרויסען שרעק און גיבען ארויס פערצווייפעלטע געשרייען, נאָכהער הערען זיך שטילע זיפצען און קרעכצען פון די וואָס ליגען געבונדענע.

די לעצטע טענער שפּילען זיך שוין אָפּ ביי דעם שייטער הויפען—אויטאָ דע פע. די זיסינקע ריידעלאך פון דעם מאָנאך; דער ענטפער — פריהער רוהיג, איינגעהאלטען, נאָכהער אלץ שטורעמדיקער, קאָכעדיגער, ביז ער ווערט ברויזענדער, ברויזענדער, און דריקט זיך אויס ענדליך מיט דעם שטאַרקען אויסגעשריי, איי, איי, און פאלט מיט דעם אויסגעשריי „אחד״ אין פייער!

רופען ניט צו אונז היינט די תפלות מיט די ניגונים, אז מיר זאָלען אליין מיט אייגענע הענד ניט צורייסען פריווויליג די הייליגע קייטען מיט אונזערע הייליגע אבות, ווי ליידער מיר זעהן עס אויף שריט און טריט?

זי האָט נאָך א מאַן

א פרומע און א גרוים געלערענטע אידישע פרוי, איז ביי איר געשטאָרבען דער מאַן. פרעגט איר א גוטער פריינד: פון וואנען וועט זי לעבען?

— איך האָב נאָך א „מאַן״ — ענטפערט זי.

דער גוטער פריינד קוקט איר פערוואונדעט אָן און פרעגט איר: — וואָס הייסט עס?

— די גמרא זאָגט — ענטפערט זי — מן דיהיב חיי יהיב מזוני (ווער עס גיט לעבען גיט עסען).

דאָס זעלבע אויף אַן אַנדער אופן

צוויי מחותנים זיינען געגאַנגען צום רב, ער זאָל זיך ארויסזאָגען וועגען זייער סכסוך: ביידע האָבען זיך משדך געווען און ביידע צוגעזאָגט קעסט.

ווער זאָל געבען פריער.
דער רב האָט געוואוסט, אז די כלה רופט מען חיה. האָט ער גלייך גע׳פסקנ׳ט: מן דיהיב חיה יהיב מזוני, ד. ה. אז חיה׳ס פאָטער דאַרף געבען די קעסט.

אָפּגעשאַפּט דעם חיריק קטן

צו די נייע רעפאָרמען, וואָס ווערען אין פּאַלעסטינע איינגעפירט אין דער אָרטאָגראַפיע פון העברעאישער שפראַך, איז לעצטענס צוגעקומען נאָך א נייעס, וואָס מען האָט אָפּגעשאַפּט דעם קליינעם חיריק, חיריק קטן. דאַרף מען שוין שרייבען יעדער אי מיט א יוד, פינחס, פינקס און דאָס גלייכען.

ווי עס האָט זיך פון דעם דערוואוסט איינער אַ ליטווישער בעל דקדוק, א גרויסער פּעדאַנט און דערביי א וויצלער, האָט ער זיך אָנגערופען מיט א איראָניע:

— פע, ניט שיין, מיינע רעפאָרמאַטאָרען, יעדער וואָרט אין העברעאיש שריפטליך וועט ארויסקומען שפּאַטיש און ניט עטיש.

— ווי אזוי? — פרעגט מען אים.

— נו, אדרבה — זאָגט ער — פּרובט שרייבט אָן אויף העברעאיש דעם וואָרט מלה, וועט איר זיך איבערצייגען. געמיינט איז עס, דאָס דער וואָרט מלה, ווען מען שרייבט נאָך דעם מיט א יוד, הייסט עס מילה.

ספּירט און טיי

פרעגט א חסיד א ליטוואק: — זאָג נאָר דו, ביזט דאָך עפּעס א למדן. וואָס איז דער אונטערשייד צווישען ספירט און טיי?

— דאָס געפינען מיר אין פּיט — ענטפערט דער ליטוואק — זה עולה ומקטרג, וזה יורד ומסטין.

ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם

אויף דעם זאָגט א גוט וואָרט הרב עמאל אין זיין ספר אל עמי: אז מען וויל וויסען די צאָל פון אידען אין ליטא, פּוילען און אנדערע, קען מען עס דערגיין אין ועד הקהל, בתי מדרשים און אנדערע אידישע אנשטאַלטען. אָבער אין די אמאָליקע שטעט אין דייטשלאנד און נאָך לענדער, וואו די אידען זיינען געווען שטאַרק אסימילירט און פאַרגויאישט, סיי אין שטוב סיי אין גאַס, פלעגט מען דאַרפען קוקען אין די סעמעטערים, אויסגעפינען דעם פּראָצענט אידען וואָס שטאַרבען און אויסרעכענען פּראָצענטאַל צו דער באַפעלקערונג און פון דעם מאַכען סטאַטיסטיק, האָט זיי דעריבער אָנגעזאָגט די תורה: ולא יהיה בהם נגף, מען וועט ניט דאַרפען האָבען דעם מלאך המות און דעם פּלאָג פון טויט אז מען וועט וועלען וויסען די סטיטיסטיק פון אידען.

זאג אליין

אין בריסק האבען אמאל די פרנסים געוואלט אפזאגען דעם בית דין שמש, האבען זיי געבעטען דעם רב ר' יאשע בער'ן, ער זאל אים זאגען. האט ר' יאשע בער ניט געוואלט.

— פאר וואס, רבי? — פרעגען אים די פרנסים — איר זענט דאך דער רב און ער איז אייער שמש?

האט זיי ר' יאשע בער געענטפערט:

— איר זאגט דאך אלע טאג די עקדה, ווייסט איר דאך, אז ווען גאט האט אברהמ'ען געהייסען פירען יצחק'ן צו דער עקדה, האט ער אים אליין געזאגט. ווי עס שטייט בפירוש: ויאמר קח נא את בנך את יחידך." ווען ער האט אים געהייסען זיך אפהאלטען און ניט אנרירען יצחק'ן, האט ער עס שוין געטאן דורך א מלאך, ווי עס שטייט: „ויקרא מלאך ה' אל אברהם", פאר וואס האט טאקע השם יתברך פריער ניט געשיקט קיין מלאך? מחמת יעדער מלאך וואלט געענטפערט:

— ווילסט קוילענען א אידען זאג אליין...

א גוט ווארט בדרך החדוד

דוד באקלאגט יהונתנ'ען, זאגט ער: נפלאת אהבתך לי מאהבת נשים, וואס קומט עס ניט אין איינקלאנג מיט די רייד פון חכמים. און אויף דעם פסוק „מאהבת נשים", מאכט דער תרגום יהונתן, מתרין נשיא, פון צוויי ווייבער. ווער זיינען דאס די צוויי ווייבער?

נאר דוד קומט דא צו ערקלערען. ווי קומט עס אין דעם הארץ פון יהונתן זאל זיך איין נעסטען אזא אהבה צו דוד געגען זיינע אייגענע אינטע־רעסען אין אזא געפערליכען קאנקורענט? דאס דערקלערט זיך דורך דעם, וואס דו יהונתן קומסט ארויס פון בנימינען, פון דער מוטער רחל, וואס זי האט אויך גובר געווען איהר ווילען און געגעבען איר אייגענע שוועסטער די מעגליכקייט, דורך סימנים, אז זי זאל באקומען יעקב אבינו פאר א מאן. ביסט, זאגט ער, שטארקער פון מיר, וואס איך קום ארויס פון לאה'ן. איז דעריבער האסטו אויך גע'ירשנ'ט די טייערע מדה גובר זיין אייגענע אינטע־רעסען צוליב יענעמס.

אויך מיר א רייך לאנד

— אויך מיר א רייך לאנד! — רופט זיך אפ א ליטוואק צו אן אמע־ריקאנער. — ביי אייך איז דא איינער א מיליארדער „ראקעפעלער", ביי אונז זיינען זיי אין די מאסען, וואס עס פעלט זיי נישט נאר א ראק, אפילו, איך בעט אייך פשוט איבר, תחתונים אויך ניטא.

ולא קרדום לחפר בה

ר' זיינוולע קלעפפיש, דער ווארשעווער ראש בית דין, פלעגט יעדען יאר פאר פסח מאכען א שטר מכירה פאר א ווארשעווער גביר אויף זיין

„גאזשעלנע" (א בראנפען פאבריק). איין מאָל שיקט דער גביר א שליח צו ר' זיינוועלען, אז ער זאָל זיך מטריח זיין און קומען צו איהם א היים מאַכען דער שטר מכירה, און אויב ניט, האָט ער א מורה הוראה, וואָס איז גרייט צו טאָן די זעלבע זאך און קומען צו איהם. ר' זיינוועלע האָט דעם שליח אָפגעזאָגט און דער גביר האָט גענומען דעם מורה הוראה.

אין דער צייט פון חול המועד האָט ער זיך געטראָפען מיט דעם זעלבען מורה הוראה ביי אן אסיפה פון רבנים. רופט ער זיך אָן צו אים: „אייך קומט פון מיר א גרויסער יישר כח. דורך אייך איז מיר פארענטפערט גע־וואָרען א משנה אין אבות. דאָרט זאָגט ער אָן די תלמידי חכמים, זיי זאָלען ניט מאַכען די תורה ווי א קרדום, א האַק."

איז מיר געוואָרען קשה, וואָס עפּעס גראָד א האַק? און ווי א נאָדעל, א אָל, א האמער איז רעכט? נאָר דער שטייגער איז אז בעלי מלאכות, א שוסטער, א שניידער נעמט די שטיקעל ארבייט צו זיך און מאַכט עס פאר־טיג. אויסער א האָלץ העקער. ער קען די האָלץ צו זיך ניט נעמען. און אזוי דאַרף זיך אויך פירען א תלמיד חכם, וואָס שעצט די תורה. צוליב א פּאָר קערבלעך גיין צו יענעם א היים. וואָס איז? ער איז א גביר. דאָס איז ניט פּאַסיג.

אויף צעפּיקעניש

אמאָל, ווען אידען זיינען געווען א מלוכה מיט כהנים און א מזבח, פלעגט זיין א מנהג, אז א איד האָט געשאָכטען א קרבן שלמים, פלעגט מען מאַכען א באַל, רופען אלע פריינט און צו טיילען זיי חלקים פון דעם שלמים קרבן וואָס האָט געהאט א באדייטונג פון שלום צווישען פריינד און גאָט.

געווען אין ירושלים א רייכער, נאָר זייער א קאַרגער גביר, זבדי האָט ער געהייסען, וואָס פלעגט גערען גיין צו פילע זיינע באַקאַנטע און פריינד אויף די שלמים סודות, און גוט אריין פּאַקען. נאָר אז אים האָט איינמאָל געטראָפען אליין צו ברייגנען א קרבן שלמים, האָט אים זעהר געקרייגקט און געוואָלט אויסמיידען צו געבען חלקים זיינע פריינד. נאָר ווי קען מען עס טאָן? אליין האָט ער קיין עצה ניט געקענט געבען, האָט ער געפרעגט זיינעם א פריינד, כלאב, זייער א פּיפּיגער יונג, וועגען דעם. און יענער האָט איהם געגעבען אַן עצה, אז ער זאָל דעם קרבן שעכטען אָבענד צייט, פאַרן תמיד של בין הערבים, איבער א נאַכט עס פארבאהאַלטען אין קעלטער, און מאָרגען זאָל ער ארויסלאָזען א קול, אז מען האָט עס ארויס גע'גנב'עט, „ועסטו שוין" — ווי די וועלט זאָגט: „אי די שעפּעלע גאַנץ אי דער וואָלף זאַט."

— נאָר כדי דו זאָלסט זיך ניט ארויסגעבען מיט די ווערטער, זאָלסטו גלייך אין דער פרי קומען צו מיר און זיך איינאַיבען מיט דיין צונג, ארויס־ריידען גלאַטיג און ערענסט, אז עס זאָל אויף דיר קיין פערדאַכט ניט פאַלען. און איך וועל שוין זעהן דיר איינשטעלען און איינלערנען, אז דו זאָלסט עס קענען גוט און ערענסט איבערגעבען, וועט אלץ זיין גוט, און דערפאַר וועסטו מיר אליין שוין געבען א גוטן חלק.

זכרי איז פון דער עצה געווען זייער צופרידען. האָט ער געטאָן ווי ער האָט אים געראָטהען, און ביינאַכט איז ער אריין אין שייער, גענומען די

גוטע געקוילעטע שלמים שעפס און עס באהאלטען אין קעלטער, ווי כלאב האט אים אנגעזאגט.

אבער כלאב האט געשיקט אין מיטען נאכט זיין קנעכט, ארויס גע׳גנב׳עט דעם שעפס און געבראכט צו אים.

שטייט אויף זבדי אין דער פרי, ער זוכט דעם שעפס, ער איז ניטא, אזוי ווי אין דער ערד אריין. לויפט ער מיט גרויס אינפעט גלייך אוועק צו זיין פריינד כלאב און שרייט אויס:

— אן אונגליק, פריינד, ביי נאכט האט מען ביי מיר ארויס גע׳גנב׳עט דעם קרבן, אוי, אן אונגליק!

— זאג איבער נאך אמאל — רופט אויס כלאב — לאמיר באמערקען, אויב דו שמייכעלסט ניט.

— וואסער שמייכלען, מען האט טאקע אין אמתן ארויס גע׳גנב׳עט דעם שעפס — שרייט זבדי.

— גוט, גוט, אבער צו פיל שרייען דארפסטו ניט. און אט אזוי זאלסטו זאגען אלע דיינע פריינד! איך בין זיכער אז זיי וועלען דיר געוויס גלויבען.

— כלאב, ברודער, איך שווער דיר, אז מען האט גע׳גנב׳עט, אסור אויב איך זאג א ליגען.

— גוט, גוט, איך גלויב דיר, איבעריג דיינע שבועות — גיט צו כלאב — מיין עצה איז שטענדיג גוט, נאר זעה ברייננג מיר נאר מיין חלק, ווי מיר האבען אפגערעדט.

זבדי האט געזעהן, אז ער וועט זיך אומזיסט אפעסען די הארץ און ניט קענען איבערצייגען אים,, אז ער מיינט עס באמת, האט ער געגעבען א מאך מיטן האנד און איז אוועק א היים א ברוגז׳ער.

אבער די מוטער איז נישט אונזערע

מען דערציילט, אז צו דעם וויזעניצער רבין איז געקומען דר. זאליץ פון טארנאוו, א פריידיינקער, און געפרעגט א פראסטע שאלה, פאר וואס די ערליכע פרומע יודען ווייכען זיי אויס? מיר זיינען דאך קינדער פון איין פאטער. ווי דער נביא זאגט: הלא אב אחד לכלנו ומדוע נבגוד איש באחיו? (מיר זיינען דאך ברידער פון איין פאטער, פאר וואס זאלען האסען איינע די אנדערע?)

— יע, מיר האבען טאקע איין פאטער — האט דער רבי געענטפערט. — אבער פון איין מוטער זיינען מיר ניט, ווייל וואס ביי אייך איז א „מותר” איז ביי אונז ניט מותר (מוטער אסור!).

צוויי כעלמער חכמים

צוויי זיינען זיי געווען אין כעלם. איינעם האט מען גערופען „דער דיפלאמאט”; דעם צווייטען „דער וועלט חכם”. פארען זיי איינמאל ביידע צוזאמען אויף א פור קיין לובלין. קומען זיי אין א וואלד אין ארט וואו די וועגען שיידען זיך פאנאנדער. שטייט דארטען א גרויסער סלופ פון אלע זייטען זיינען צוגעשלאגען צייכן ברעטער און אויפגשריבען וואוהין די

ווענן פירען, און אונטען אויך א ברעט אויפגעשריבען, אז יענער מענש וואס קען ניט לעזען און שרייבען און וויל וויסען דעם וועג, זאל ער זיך ור-ענדען רעכטס, געפינט זיך א שטיבעלע וואו עס זיצט דער וואלד וועכטער, וועט ער אים פרעגען, וועט ער אים ווייזען.

רופט זיך אפ דער דיפלאמאט: אבער וואס וועט יענער טאן, ווען דער וועכטער איז ניט אין דער היים.

האט דער וועלט חכם געענטפערט: — נישקאשע, א קלוגער קען זיך געבען אן עצה, וועט ער לויפען און ברייננען דעם וואלד וועכטער.

א היינטיגער בר מצוה

אמאליגע תפילין אויף דער האנט און קאפ איז געווען א באדייטונג פון פרומקייט וואס איז אנגעזאגט געווארען אין דער תורה „והיו לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך. לאות א צייכען, היינט בעקומט דער בר מצוה בחור א האנד זייגערעל און טראגט אויפן היטעל א קאקארדע, הייסט עס לעת, צו דער צייט, צו וויסען די צייט, און די קאקארדע צוליב א צאצקע.

שמחה לארצך

די חסידים פון דער שטעטעל ל. אין וואהלין, אז זיי זיינען געקומען צום רבין פון ר. סוף ימים נוראים, האבען זיי זיך בעקלאגט אויף איינעם א נידעריקען פארשוין אין זייער שטאט, שמחה בן תמרה, וואס איז געווארען א גאנצער מאכער אין שטעטעל, א קאך לעפעל, מאטערט זיי און טעראריזירט זיי מיט א באנדע אויסוואורפען, טוט זיי אן געברענטע צרות.

— גוט — האט זיך דער רב אפגערופען — בשעת איך פראווע די שמונה עשרה און בין דערביי מצרף יהודים און טראכט כונות צו ראטעווען דעם כלל ישראל פון גזרות רעות, וועל איך האבען אין זינען, בשעת איך וועל זאגען די ווערטער „שמחה לארצך וששון לעירך", און שמחה דער לידאק זאל גיין אין דער ערד אריין וועט זיין אין שטאט א פרייד, וועט איר פון אים פטור ווערען.

א משל — התעוררות

א דאקטאר איז גערופען געווארען צו א חולה. האט ער אויסגעמאסטען די היץ, האט ער געפונען זעהר א הויכע טעמפעראטור, האט ער גלייך פערארדענט מען זאל זעהן צולייגען אייז. געווען איז עס אין א קליין שטעטעל ביי גאר פראסטע און ארעמע מענשען. אויף דעם צווייטען טאג איז ער אליין געקומען געוואויר ווערען, וואס דער קראנקער מאכט. ער קומט אריין, גיט א בליק אויף דעם קראנקען און האט זיך דערשראקען: שוואך, בלאס, פערחלשט, דאס אייז איז נאך געווען ארומגעלייגט, און דאס איז געווען די סיבה פון זיין שוואכקייט, וואס דער פולס האט שוין גאר שוואך געקלאפט.

— טפשים! — האט ער גענומען שרייען. וואס טוט איר? גיכער

נעמט אראפ די אייז און נעמט אים דערוואַרעמען, וואָרים ער וועט באלד אויסגיין!

אזוי איז געשען מיט אונזער פאָלק. איך געדיינק עס, ווי ביי יעדען אידען אין הארצען האָט געפלאַקערט די אמונה, א טריט נישט אָן א מצוה. הייסע, ליבע אידען געווען. מיט אמאָל האָט גענומען שפארען די השכלה פון בערלין. ווי די חברה האָט עם דערזען, זיינען זיי פערבלענדעט געוואָרען פון דעם גלאַנץ, גענומען קעמפען און אגיטירען מען זאָל צוליגען אייז פון בילדונג צו דעם הייסען אידישען אָרגאניזם, געשריבען ביכער, וואו מען האָט פאַרגעשטעלט אונזערע בעסטע גרויסע אידען פאַר צבועקעס, פאַר פערדאָרבענע, טיפען פון התלעה, עיט צבוע, הצופה און נאָך פיל אנדערע האָט מיט שווארצע פארבען און שטארקע גיפט געגאָסען אין די מוחות פון דער יוגענד און אָנגעפילט די הערצער מיט שנאה צו דעם אלטען דור פון יראים ושלמים. באלד איז געקומען די כפירה, די אסימילאציע, דער שמד מיט די געמישטע חתונות. עד דאתא היטלער ימח שמו און האָט מיטן בארבאריזם פון די ערגסטע רשעים געוויזען זיי דעם וועג. אָבער? דאָך הערט מען ביי אונז ניט אויף צו לייגען שטיקער אייז.

אלץ הייסט אַ תורה

צום אליקער צדיק איז געקומען איינער א גרויסער חסיד און געזאָגט, אזוי ווי ער איז א מחוסר לחם, וויל ער ווערען אין א קליין שטעטעל א רבי. זאָגט צו אים דער צדיק: און תורה זאָגען קענסטו? זאָג עפעס.

רופט זיך אָפּ דער חסיד: — אנטקעגען היינטיגען דור האָב איך איינגעטייטש אזוי דעם פסוק פון תהילים: „זה דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה”. זה דור — היינטיגער דור, דורשיו — איז א פאלשער דור (דור שוא), מבקשי פניך — אפילו די וואָס בעטען גאָט יעקב סלה, וועלען זיי אייך נארען צוליב א דאָלער (סלע—א דאָלער).

— במחילה — זאָגט דער צדיק — איך געפין עס פאַר ניט רעכט. ערשטענס, טאָר מען א פסוק אזוי ניט פארדרייען, דאָס איז בתור מלעיג. צווייטענס, טאָר מען אויף א כלל ישראל ניט ריידען, בפרט אויף די פרומע. דריטענס, ווייסט איר אליין, אז צולב א דאָלער ווילט איהר אָפנארען און ווערען גאָר א רבי.

נישט געגעבען קיין סמיכה

אנטקעגען וואָס מען רעט שטארק. אז היינטיגע יונגע לייטלאך קריגען לייכט סמיכה אויף רבנות, אבי נאָר זיי לערנען אוים די טור יורה דעה וועגען כשרות און טור חושן משפט וועגען דין תורות, וואָס דאָס דארפען זיי האָבען צו זייער פראקטיק און ווערען שוין פארטיגע רבנים — איז שארף ארויסגעטראָטען דער גרויסער ל. ר. רב און וויל ברייננגען א מעשה.

קומט צו אים איינמאָל א שיינער יונגער מאן א קבוץ בעטען סמיכה. לאדעט אים איין דער רב צו זיך אויף שבת. דער רביצין האָט ער אָנגעזאָגט, אז פארבייסען צום קדוש זאָל זי שטעלען אלערליי פירות, קאָנפיטורען

און אויך אנדערע מינים, אויף וואָס זי איז געווען אַ גרויסע בריה. דער רב האָט געוואָלט אויספּרובען דעם יונגען מאַן, צי איז ער בקי אין די דינים פון אורח חיים וועגען ברכות. דער יונגער מאַן האָט זיך געפונען אין אַ גרויס פערלעגענהייט, דען ער האָט עס ניט געוואוסט, ווייל ער האָט ניט געלערענט. נעמט ער און גייט ארויס אויף נקבים קטנים, שטייט אָפּ לאַנג, גייט אריין. אויפן טיש שטייען נאָך די אַלע געמישטע מינים. זיצט ער אביסעל און פאַרקלאָגט זיך פארן רב, דאָס אזוי ווי ער ליידט פון לאַקאַציטען מוז ער אָפטער נעבאַך לאָזען מי רגלים, און גייט ווייטער ארויס. אזוי אויך דעם דריטען מאָל. ערשט אויף דעם פערטען מאָל איז שוין געווען געגרייט דער טיש צו סעודת שחרית. האָט ער געגעסען גלייך מיט אַלעמען. אויך ביי שלוש סעודות. שוין גאָר פאַרגעסען פון זיין מיחוש. נאָך דער הבדלה פרעגט דער יונגער מאַן ביי דעם רב, צו ער וויל אים עקזאַמינירן און ארויס־געבען סמיכה. ענטפערט דער רב, אז ער נויטיגט זיך שוין ניט אין פאַר־הערען, דען די גמרא אין ברכות דף ה" האָט אים שוין געוויזען וואָס צו טאָן. דאָרט זאָגט רבא איתימא רב חסדא, הרואה שיסורים באין עליו יפשפש במעשיו, שנאמר נחפשה דרכים, וכו׳, ד. ה., ווען אַ מענש זעט אז יסורים קומען אָן אויף איהם, זאָל ער נאָך זעהן, וואָס ער האָט געטאָן, עפּעס אַ וועלכען עס איז פעלער. פשפש... ולא מצא, ווען ער זוכט און ער געפינט ניט. יתלה בביטול תורה, דאַרף עס אנהענגען, דאָס ער האָט געלערענט וועניג תורה. האָב׳ איך עס באמערקט, ווען איר האָט מפשפש געווען און אָפּט ארויסגעגאַנגען פון טיש. אַ סימן, אז איר זייט נאָך ניט גוט בעהאַוועגט אין די דינים פון ברכות. נעמט לערענט עס אויס, ווייל דאָס איז נויטיג פאַר יעדען אידען. דאַן וועט איר קומען צו מיר, וועט איר געהיילט ווערען פון אייער מיחוש און קענען האָפען, אז איר וועט קריגען אויך סמיכה...

יעדערער זעהט עפּעס אַנדערש (אַן אַראַבישע מעשה)

ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפענעם אַראַביש דערפעל אין טיף אזיען האָט געלעבט אַ יונג פּאָר פּאָלק. די יונגע פרוי איז נאָך קיינמאָל אין לעבען ניט ארויס פון די גרעניצען פון איר עקזאָטישען דאָרף, גאָר קיין אַהנונג ניט געהאַט פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע, האָט זיך געלעבט שטיל און פריילאַך אַלס איינע פון די שענסטע מיידלאַך אין דאָרף. חתונה געהאַט דערנאָך פאַר אַ שיינעם, רייכען דאָרפס בחור און האָט זיך געשעצט גליקלאַך, וואָס ער נעמט זיך ניט קיין צווייטע ווייב, ווי אַלע אנדערע טוען עס דאָרט פריי און געזעצלאַך.

איין מאָל האָט זיך געמאַכט, דאָס דער מאַן אירער האָט געמוזט פאָרען אין דער גרויסער שטאָט מיט אַ פּעטיציע צום גובערנאַטאָר, וועגען עפּעס אַ דאָרפס־ענין.

געווען איז עס אין אַ שיינער, לויטערער זומער נאַכט. דער יונגער פויער איז שוין געזעסען אויפן וואָגען, וועלכער האָט אים געזאָלט פירען אין שטאָט און דערביי איז געשטאַנען זיין יונג ווייב און זיך מיט אים הארציג געזעגנט. איידער דער וואָגען האָט זיך גערירט, האָט דער מאַן זי געפרעגט:

— וואָס זאָל איך דיר ברייגנען פאַר אַ מתנה פון דער גרויסער שטאָט?

זי איז געשטאַנען און געטראַכט, נישט געוואוסט, וואָס צו פערלאַנגען.

זי האט געווארפען מיט די אויגען ארום, זוכענדג א זאך, וואס זאל זי אן עפעס דערמאנען. דא דערזעהט זי די לבנה אויפן הימעל, פון וועלכער עס האט זיך געזעהן נאר א טייל, א סערפ, און האט אויסגערופען א דערפרייטע:

— א, ברייננ מיר א קאם, אט אזא, ווי די לבנה דא אויבען.

— גוט, מיין טייערע, איך וועל דיר ברייננען אזא קאם, וואס דו וועסט אים טראגען געזונטערהייד אין דיינע שיינע האר — האט געענטפערט דער מאן און זיך געלאזט אין וועג אריין.

ווען דער פויער האט שוין אין שטאט אלץ דערליידיגט און גענומען זיך קלייבען אין וועג צוריק א היים, האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט זיין פרוי צוגעזאגט ברייננען א מתנה פון שטאט.

געווען איז ווידער א העלע לבנה נאכט, נאך א שענערע ווי בעת אוועקפארען. די לבנה האט געשיינט אין איר גאנצען פראכט. זי איז געווען רונדיק און פול, אן א שום פגם. דער פויער גייט צו צו א קראם אין וועלכער מען פארקויפט אלערליי זאכען. אבער ער האט פארגעסען, וואס זיין פרוי האט געבעטען ברייננען.

— וואס ווילט איר קויפען, חשובער האר? — פרעגט ביי אים דער קרעמער.

ער, אבער, ווייס ניט, וואס צו פארלאנגען. ער קאן זיך בשום אופן נישט דערמאנען, וואס זיין פרוי האט געבעטען. פלוצלונג, ווארפענדיג א בליק אויפן הימעל, כאפט ער זיך, אז געזאלט האט עס זיין א זאך, ענליך צו דער לבנה. א דערפרייטער זאגט ער צום סוחר:

— איך וויל קויפען פאר מיין פרוי עפעס א מתנה, וואס זאל זיין ענליך צו אט דער לבנה.

— ביטע זייער — ענטפערט דער סוחר — אט האט איהר א שיין שפיגעלע, קיילעכדיג און רונדיג, ווי די לבנה; דאס וועט זיכער אייער פרוי געפעלען.

און דער פויער האט דאס שפיגעלע געקויפט און מיט פרייד זיך געלאזט אין וועג צוריק א היים.

א היים געקומען, פאקט דער פויער אויס זיינע זאכען און דערלאנגט זיין פרוי די מתנה. זי נעמט פארזיכטיג דאס רונדע טעצעלע אין דער האנט, באטראכט עס נייגעריק, הויבט עס אויף העכער און דערזעט דארט פלוצלונג א שיין געשטאלט פון א יונגער פרוי. זי דרייט אוועק איהר פנים, ווערט בלאסער און בלאסער, און א פערצווייפעלטע לויפט זי ארויס פון שטוב צו איר מאמען. מיט א ביטער געוויין ווארפט זי זיך איר אין די ארעמס.

— מאמע, מיין מאן האט מיט זיך מיטגעבראכט א צווייטע, שיינע יונגע פרוי. נא, דא האסטו זי.

און זי דערלאנגט דער מוטער דאס שפיגעלע. די מוטער קוקט אריין אין שפיגעלע, באטראכט די געשטאלט דארט און בארוהיגט דער טאכטער.

— נארעלע, קינד מיינס, נעם זיך ניט צום הארצען פון דעם, זי איז דאך אזא אלטע פארזעהעניש.

א פערד און א מענש

צו א רבין איז געקומען א בעל עגלה און זיך בעקלאגט, אז דאס פערד זיינס עסט גאר קנאפ, און עס שטייט אים פאר א סכנה, אז ער זאל אויסגיין

פון די כחות.
— דאַווענסטו אַלע טאָג ? — האָט דער רבי אים געפרעגט.
— נישט שטענדיג — ענטפערט דער בעל עגלה — אַמאָל מאַכט זיך אונטער וועגס פאַרפעהלט מען א דאַוונען.
— און צום עסען וואַשטו זיך, מאַכסט א ברכה און בענטשט ?
— ניין — ענטפערט דער בעל עגלה.
— אויב אַזוי, איז דאָך שוין ריכטיג — ענטפערט דער רבי. — ווי באַלד אַז דו עסט ווי א פערד, דאַמאַלסט עסט דיין פערד ווי א מענש.

מתנת כהן

אין שטאָט ז. איז אָנגעקומען דער בעל מתנת כהונה פאַר א רב. לאַנג האָבען זיך משתדל געווען די שטאָט לייט, ביז זיי האָבען איהם בעקומען. ביי דער ערשטער דרשה וואָס ער האָט געהאַלטען אין שול האָט ער געזאָגט: איך בין דאָך א כהן, פערלאַנג איך אַלץ וואָס ביי מתנות כהונה. אין בית המקדש פלעגט מען געבען: הזרועה הלחיים והקיבה. טוט עס מיר היינטיגע צייטען אויך: הזרוע—דעם אָרעם אויף לייגען תפילין אַלע טאָג. הלחיים—ניט צו ראַזירען זיי, והקיבה—דעם מאַגן פאַר א שטריינג כשרע קיך.

דער גביר דאַרף אייך

אין בראָד איז געווען א רייכער סוחר. האָט ער איינמאָל נאָכגעשפּירט און געפּאַקט זיינען אָן אָנגעשטעלטען ביי א גנבה און האָט אים אָפּגעזאָגט און צוגענומען אָן אַנדערען. נאָר דער צווייטער איז אַמאָל בעגאַנגען א העלמה. האָט ער אים אויך אָפּגעזאָגט און צוגענומען א אידען א פּקח, א מטופל מיט א גרויסער פאַמיליע, נאָר ער איז בעגאַנגען א שווינדעל, און האָט אים אויך אָפּגעזאָגט. געהט דער מענש אַוועק צום רב, רבי אפרים זלמן מרגליות, און איהם געזאָגט: „רבי, מיין פּרינציפּאַל דאַרף אייך האָבען.”
דער גאון האָט זיך אפילו געחדושט: וואָס הייסט דאָס שיקען נאָך מיר ? ווען ער דאַרף מיך, קען ער צו מיר נישט קומען ? דאָך האָט ער אָנגעטאָן די רבנישע קליידער, מיטגענומען דעם משמש און געגאַנגען.
דער עושר האָט דערזעהן דעם רב ביי זיך אין שטוב, איז ער געוואָרען נבהל, געשטעלט זיך, אויפגענומען מיט א ברוך הבא און געבעטען זיצען. דער רב האָט אָנגעפאַנגען א זייטיגען שמועס און אַזוי זיך פאַנאַנדער גערעט, ביז דער עושר האָט זיך אָנגענומען מיט מוטה און רופט זיך אָפּ:
— איך שעץ מיר גליקליך מיט דעם כבוד, וואָס איהר טיילט מיר צו מיט אייער בעזוך. דאָך וועט מיר דער רבי ענטשולדיגען, ווען איך וועל זיך דערלויבען צו פרעגען: וואָס האָב איך צו פערדאַנקען אייער חשובן בעזוך ? איך גלויב קוים אַז אין א פּראָסטען מיטוואָך אָהן אָן אורזאַכע זאָלט איר זיך מטריח זיין מיט טאָן דעם כבוד.
— וואָס הייסט — וואונדערט זיך שוין ר' אפרים זלמן — איהר האָט דאָך געשיקט נאָך מיר און געבעטען, אַז איך זאָל קומען ? אייער משרת איז דאָך ערשט געווען ביי מיר און געזאָגט: „מיין בעל הבית (שעף) דאַרף אייך?

דער עושר האט זיך אנגעצונדען און ניט מיט זיין קול אויסגעשריען: — ווער? אט דער חצוף, דער עזות פנים האט דאס געזאגט, און געהאט א העזה איך צו מטריח זיין אומזיסט? איך וויים דאך פון גאר ניט צו זאגען.

און גלייך געשיקט אים רופען, און ווען ער איז געקומען, איז ער אויף אים ארויפגעפאלען מיט שטארקע זידלעריי און זלזולים: — דו שקרן, דו כזבן איינער! איך האב דיר געשיקט נאכ'ן רב?

— שרייט ניט, ליארעמט ניט — האט דער משרת זיך געלאסען גענטפערט — חלילה, איך האב קיין שום ליגען ניט געזאגט — איך האב ניט געזאגט, אז איהר שיקט נאכן רב. אדרבה זאל דער רב לעבען אליין זאגען, צי איך האב דאס געזאגט; איך האב נאר געזאגט: „מיין בעל הבית דארף אייך", און מיין כונה איז געווען, אזוי ווי דער בעל הבית זוכט נאר אזא מענשען, וואס רירט נישט אן חם ושלום אפילו א שוה פרוטה, אזא משרת וואלט נאר געקענט זיין דער רב זאל לעבען... ער וועט זיכער ניט רירען. אבער אויסער אים וועט דער בעל הבית קיין בעסערען אדער ערליכערען משרת פון מיר ניט קריגען.

ר' אפרים זלמנען איז דער אויפטו פון משרת געפעלען געווארען און ער האט זיך אריינגעלייגט אין דעם ענין, ביז ער האט געווירקט אויף דעם עושר און ער האט אים צוריק גענומען.

אמעריקאנער קארעספאנדענט

פון דעם גרויסען גאון ר' מאיר שפירא, דער שעפער פון דער ישיבת חכמי לובלין, ווערט דערציילט, אז איינמאל איז צו אים געקומען א קארעספאנדענט פון א גרויסער אמעריקאנער צייטונג, צו הערען פון אים זיין מיינונג וועגען דער אידישער ארטאדאקסיע. ער אליין איז געווען א שנה ופירש. נעמט ער אויסזוכען פון אונטער דער ערד חטאים אויף די פרומע אידען, ווי אזוי זיי שטייען אויף א נידעריגען קולטורעלען מצב. אויסהערענדיג די אלע חטאים און עולות, וואס דער קארעספאנדענט האט אויסגערעט אויף די רעליגיעזע אידען, רופט זיך אפ דער רב צו אלע דערביי אנוועזענדע מיט דיזער פראגע: — וואו געפינט מען דעם ערשטען מאל אין תורת משה „א קארעספאנדענט"? קיינער האט ניט געוואוסט צו ענטפערען. האט זיך דער רב אפגערופען: — ביי דעם שעיר לעזאזל האט מען געשיקט דורך א „איש עתי", דאס הייסט א צייטונגס מענש, א קארעספאנדענט. פאר וואס האט מען גענוצט נעמען נאר א קארעספאנדענט? נאר די גמרא זאגט דאס אויפן שעיר לעזאזל האט מען געמוזט מתורה זיין אלע עונות, פארגעסט מען איינם בלייבט ער ניט פארגעבען. טא וואו נעמט מען אזא מענשען, וואס זאל קענען אויסגעפינען אלע עבירות פון אידישען פאלק, ניט פארגעסענדיג אפילו קיין איינע און נאך צוטראכטען איינענע? צו דער אויפגאבע איז נאר פאסיג א צייטונגס־מענש, א קארעספאנדענט, און געווים אויסזוכען אזא קארעספאנדענט זאל זיין פון א גרויסער אמעריקאנער צייטונג.

יע — זאגען מיר — זאל ער טאקע גיין לעזאזל.

וחם „השמש"

אין א בית המדרש איז געווען א קארגער, שלעכטער שמש. ער פלעגט קארגען די עלעקטרי און ניט געקענט פארטראגען דאס לערנען פון א רבין

פאַר דעם עולם פֿרייטאָג צו נאַכט חומש.

דאָס איז געווען ווינטער פ' בשלח. דער עולם גייט פֿערבײַ פֿרייטאָג צו נאַכט און זעהט אז אין בית המדרש איז פֿינסטער, גייט מען אוועק. דער רבי קומט. מען צינדט אָן די עלעקטרי. פאַרהאַן גאַר א קליינע צאָל צוהער־רער, ווערט מען אויפגערעגט. דער רבי איז געווען א קלוגער. זאָגט ער אַזוי: ליכא מידי דלא רמיזא באוריתא, ד. ה., ניטאָ קיין איין זאַך, וואָס די תורה זאָל עס ניט אנערקענען. און טאַקע דער עפּיזאָד מיט דעם שמש איז אָנגעמערקט אין היינטיגער סדרה. ביי דעם מן שטעהט וחם השמש ונמס (ביי דער זון פֿלעגט ער צוגיין.) מיר דאַרפֿען עס געבען אַן אנדער באַדייטונג: אז דער שמש איז א חם צוגייט דער עולם.

נח מיט 7 גרייזען

וואָס מען זאָגט אַלץ: נח מיט 7 גרייזען. דאָס איז געמיינט די 7 מצות וואָס מען האָט די בני נח געגעבען, איז דאָס געווען גרייזען, ווייל זיי היטען עס ניט.

אַ ווערטעל אַזאַ

אז די ווייב איז א יולדת איז דער מאַן א יאָלד.

בית הקברות פאַר אורחים

אין אורח איז אַמאָל געקומען אין א קליין שטעטעל, וואָס מער ווי צען אידען זיינען דאָרט ניט געווען, און האָבען אויך געהאַט א בית מדרש מיט א בית הקברות. ווייל זיך דער אורח פֿריילאַך מאַכען איבער די שטעדטעל. אידען און פֿרעגט זיי אַזוי:

— זאָגט מיר, גוטע, ליבע לייט, צו וואָס דאַרפֿט איר דיביידע זאַכען: דעם בית המדרש מיט דעם בית הקברות. איינס פֿון די צוויי. וועט איר אַלע לעבען און געזונט זיין, טאָ צו וואָס קען אייך דינען דער בית הקברות? וועט אָבער ווער פֿון אייך שטאַרבען, האָט איר דאָך שוין ניט קיין מנין, איז דאָך שוין דער בית המדרש איבעריג?

— איר זייט גערעכט — האָט געענטפֿערט דער פּיפּיגער גבאי — מיר ווילען אַלע, מיט גאָטעס הילף, לעבען און זיין געזונד. דאַרפֿען מיר א בית תפלה, און דאָך האָבען מיר איינגעאָרדענט א בית הקברות אויך, טאָמער קומט ווען אַן אורח און שטאַרבט.

ארץ ישראל וויץ

ביי די ערשטע עליות, ווען מען האָט געבענשט ראש חודש, האָט מען אויסגעלאָזען כל ישראל חברים, ונאמר אמן. היינט ביי דער פערטער עליה,

וואָס קומען אָן מערסטענטיילס נאָר מיידלאך, זאָגט מען שוין: כל ישראל חברים, ונאמר א „מאן" (עברית).

מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?

דאָס האָט מען געקענט זעהן יענעם שמחת תורה, וואָס איז גראָד אויס־געפאַלען אום זונטאָג. האָט מען געקענט אויסרעכענען, אז וויפיל אַלע אידען אין שטעטעל האָבען אויסגעטרונקען שנאַפּס, האָט עס איין מיכאל אויסגע־טרונקען אליין.

אַ וואָרט ביי אַ סיום פון גמרא

די חברה ש"ס האָט געצײלט פיל מיטגלידער, אָבער צום לערנען פלעגען קומען ווייניג. דערפאַר — צו דער סעודה ביי דעם סיום זיינען געקומען פיל. אז עס איז געוועזן איינג, האָב איך אויף דעם געזאָגט, דאָס איז וואָס די גמרא זאָגט ביי ר' עקיבא „את" לרבות תלמידי חכמים. איז דאָס אויך אלס פאַראַדיע אין דעם זין. וואָס עס, דאָס הייסט, ווען ביי דער סעודה, אז מען דאַרף עסען, קומען צו לערנער, תלמידי חכמים.

אַ שעהנער טייטש פון חומש

מען האָט געשיקט א למדן פאַרהערען א חתן, צי ער קען א פּרשה חומש, און איז ניט קיין גאָר פראָסטער יונג. פרעגט דער למדן דעם חתן בחור דעם בעדייט פון די ווערטער: הזרוע והלחיים והקיבה. זאָגט דער עלוי: הזרוע, אז איינער פערזייט. שלאָגט אים איבער אין מיטען דער פאַרהערער און זאָגט ווייטער: והלחיים, די שונאים זאָלען אזוי לעבען. והקיבה — אויב דו וועסט שוין אליין קריגען די נקבה.

אַ פיינער בדחן

קומט מיר אוים איינמאָל אין וואָהלין צו זיין אויף א חתונה. הער איך ווי דער בדחן זאָגט גראַמען אין ראשי תבות: חתן, חתן, מען רופט דיר מיט דעם נאָמען יעקב, דאָס בעדייט די ברכה לויט ר"ת ישימך אל, כאפרים וכמנשה. פרעג איך דעם בדחן: ווי איז אייער נאָמען? ענטפערט ער: משה צדק. זאָג איך, דאָס באַדייט: מיין שווערע האַרץ צו דיין קאָפּ.

אַ מסור אַ בעל גאוה

ווען צו ר' ל. וואָס איז געוועזן א גרויסער מכנים אורח איז געקומען א גאַסט, א יחסן, און שוין צופיל געמאַכט פאָדערונגען און תרעומות. זאָגט דער רב ר"ל, „הערט נאָר אורח — דער גרעסטער מכנים אורח איז דער שבת. קומט א גאַסט, ווי ראש חודש, חול המועד, טרעט ער איהם אָפּ דעם מוסף דאַווענען. א גרעסערער אורח, ווי יום טוב, טרעט ער איהם אָפּ דעם גאַנצען

דאוונען מיט דעם קדוש. אפילו יום כפור זאָגט ער זיך אָפּ פון ענוג שבת, עסען און טרינקען, און לאָזט פאסטען, נאָר ראש השנה, תקיעות דאָס ניט, ווייל אן אורח טאָר זיך ניט בלאָזען.

אַ שכן מיט אַ בעל הבית

זאָגט א בעל הבית צו א שכן, איך וועל דיר ווייזען דאָס שכנים זיינען פאראן שלעכטע און בעלי בתים ניט, דען אין דער פריה ביים דאוונען בעט מען אין יהי רצון אז גאָט זאָל אונז אָפּהיטען „משכן רע". קיין בעל הבית ווערט ניט דערמאָנט.

עס ווערט אָבער דערמאָנט נאָך ווי — ענטפערט דער שכן — ווען עמען איז נאָך אזוי געמיינט: „מפגע רע" אויב ניט דעם בעל הבית וואָס לאָזט ניט לעבען דעם שכן זיינעם?

אַן אַלטער חסידישער ווערטעל

מען האָט געפרעגט א חסיד, פארוואָס טרינקען זיי נאָך דעם דאוונען משקה? די מתנגדים לערנען דאך גאָר משניות.

האָט ער געענטפערט: די מתנגדים דאוונען קאַלט, אָפּגעלאָזען, ווערט באשאפען פון דער מצוה א טויטער מלאך, דעריבער לערנען זיי משניות און זאָגען קדיש. די חסידים דאוונען אָבער מיט התלהבות, מיט א ברען און מיט היץ ווערט באשאפען א לעבעדיגער מלאך. איז דאָך דאָס א שמחה, דאַרף מען נעמען משקה און טרינקען לחיים.

אַ חזן אַן עם הארץ

עס איז אָנגעקומען אין א שטעטעל א חזן, א שעהנער זינגער, אבער א גרויסער עם הארץ. נאָכ'ן דאוונען, ווען מען האָט גענומען אביסעל משקה, האָט זיך דער פיפיגער גבאי אָנגערופען: „אידען, ברידער, איהר גלויבט דאך געוויס אלע, אז אונזער תורה האָט ניט קיין שאטץ. יאָ? זאָלט איהר זשע היינט אויך גלויבען פארקערט, אז אונזער ש"ץ (חזן, שליח צבור) האָט ניט קיין תורה".

אַ ברכה אויף שמועסען

ווען א קופּקע אידען האָבען אין מיטן דאוונען געשמועסט איז צוגעגאַנ־גען ר' ישראל און געמאכט אין דער הויך די ברכה „ברוך דיין האמת", זאָ־גענדיג אז אזוי שטעהט אין דין: על „שמועות" (שמועס) רעות מאכט מען אָט די זעלבע ברכה.

די דריי ברידער

דריי ברידער זיינען זיי געווען אין ג. איינער א האָרבאטער, איז ער געווען זעהר א קלוגער, א דרשן מיט וויצען. דער צווייטער א דאָקטאָר, דער דריטער א גבאי פון חברה קדישא. האָט ער אנגעפאנגען זיין דרוש מיט די ווערטער: „ווילט איהר מיר צוהערן—איז גוט. תבא עליכם ברכה, ווען ניט — שיק איך אייך צום צווייטען ברודער, און ווען דאָס וועט אייך ניט העלפען, וועט מען אייך איבערגעבען צום דריטען ברודער, וועט שוין זיין גאָר שלום.

אַ ברכה צו אַ בר מצוה בחור אין חודש כסלו

טרעפט א מענש פארמאָגט געלט אבער ניט קיין גוטע הארץ. אנאנדערער פארקערט — א גוטע הארץ — אבער איז ארעם. דו זאָלסט זיין געבענשט מיט ביידע זאכען. כיס (פאקעט) און לב — הארץ (כיס־לב).

ווי אַלט איז די באַן?

אפנים אז דער באַן האָט נאָך עקזיסטירט אין אלט־מצרים. דען אין חומש שטעהט, אז נאָך יעקב׳ן האָט יוסף געשיקט עגלות על פי פרעה (פארע.)

וואָס איז ניט געמאָלט?

איינער א גרויסער איד איז אריינגעקומען אין א בית מדרש, באמערקט אז די מתפללים זיינען ווייט פון פרומקייט און די ווענט פון בית המדרש זיינען באַצירט מיט די ווערטער פון תנא ר׳ יהודה בן תימא. א לייב, און־טען באשריבען — גבור כארי; א לעמפערט — א אונטערשריפט — עז כנמר; א הירש — רץ כצבי; און אדלער — וקל חנשר. רופט ער זיך אָפּ: אבער וואס ווייטער? וועגען „לעשות רצון אביך שבשמים? ווייזט אויס, אז דאָס איז ביי אייך גארניט געמאָלט.

שווער — איידים

פון וואנען שטאמען די צוויי ווערטער: שווער—איידים? מען זאָגט, אז דאָס איז ארויסגעקומען פון א געוואוינהייט, ווייל עס איז באוואוסט, אז שטענדיג האָט אן איידים טענות צו א שווער. אלץ ער מאָנט ביי איהם, ער איז איהם שטענדיג שולדיג וואס ער האָט ניט אוועקגעגעבען, וואָס ער האָט צוגעזאָגט. געהט מען צו בית דין. הייסט מען דעם איידים ברענגען עדות ווי דער דין איז: המוציא מחברו עליו הראיה. (ווער עס מאָנט דארף עס באווייזען מיט עדות.) ווען ער קען עס ניט באווייזען, איז מען מהפך און מען גיט דעם אנדערן צד א שבועה, אז ער האָט אלעס באצאָהלט. איז ווייל דאָס טרעפט זעהר אָפט, שרייט שטענדיג דער שווער צום יונגענמאַן־עדים (עדות) און ער ענטפערט איהם — שווער, שווער. איז דאָס געוואָרען א גאנגבארער וואָרט.

רצון-אל

א אינגעלע אויפגעהאָדעוועט ביי פרומע עלטערען איז קראנק געוואָרען אויף דיזענטעריע. דער דאָקטאָר האָט פעראָרדענט צו געבען אים ריצן אייל. דאָס קינד האָט עס ניט געוואָלט איינעמען. איז געקומען דער רבי און אים ערקלערט און געזאָגט: דו ווייסט, מיין קינד, וואָס ריצן אייל איז און פאר וואָס דאָס גיט א רפואה? ווייל ריצן אויל הייסט רצון אל, דאָס הייסט: אזוי וויל גאָט. די ווערטער האָבען געהאָלפען און דאָס קינד איז געזונד געוואָרען.

אַן ענטפער אַן אפיקורוס

איינער אן אפיקורוס, א געוועזענער למדן, האָט געפירט א דיסקוסיע מיט א פרומען און קלוגען אידען. צווישען אַנדערעס פרעגט ער דעם אידען, פאר וואָס זיינען די דינים פון דער גמרא אזוי שטריינג לעכערליך, אזש צו שטוינען. צום ביישפיל, נעמט אזא מאָדנעם דין ווי ערובי חצרות. אזוי טאָר מען שבת ניט טראָגען, אז מען נעמט צוויי דראנגען און מען פארציט זיי פון אויבען מיט א דראָט, איז שעהן און גוט. און מער משונה איז, דאָס דער דראָט טאָר ניט זיין ארומגעוויקעלט ארום דעם סלופּ נאָר דוקא אריינגעזעצט אויבען אין מיטען. זאָגט אליין, קען עס האָבען א זין אויסער ווי מען רופט עס פאריסייסטוואָ?

— ניין — האָט דער פרומער געענטפערט — דאָס איז עכט פּראקטיש און לאָגיש און בעגרינדעט, נאָר דו קענסט עס ניט פערשטעהן. איך וועל דיר עס ערקלערען מיט א ביישפיל: זעסט, א דראנג מיט אויסגעצווייגענע פינגער. איך ווייז דיר, און עס אַרט דיך גאָר ניט. נעם איך דעם גראָבען פינגער, שטעק אריין צווישען אנדערע צוויי און ווייז דיר, פעררדריסט עס דיר. ערקלער מיר, פאר וואָס?

אַ טיטול אויף אַ מצבה

אויף א מצבה פון איינעם א קארגען האָט מען געלאָזען אויסהאקען א האָהן. מען האָט עס ערקלערט מיט דעם, דאָס יעדערער, ווער עס וועט פארביי געהן, וועט זאָגען: א שיינע, ריינע כפרה.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

א חתן, וואָס האָט געזעהן א פריילין און איז איהם ניט געפעלען געוואָרען, ווייל זי האָט געהאַט רויטע האָר, האָט זיך אָפּגערופען אף העבריי, איש, אז די פריילין זאָל ניט פערשטעהן: פּרה אדומה.

זי האָט גראָד יאָ פערשטאַנען. ענטפערט זי גלייך: אָבער א „פרא אדם" איז פיל ערגער און נידעריגער.

בעז נשיא (בעז נאָז)

פיל פרומע אידען און ביי חסידים בעזונדער איז א מנהג, ווי עס קומט ראש חודש ניסן זאָגט מען יעדען טאָג דעם נשיא פון פ. נשוא, און די מהדרין הייסען נאָך יעדערן, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם שבט זאָל שטעלען משקה פאר דעם עולם. צ. ב. ש. אלע ראובנס, אין דעם טאָג פון ראובנס נשיא. אין איין חסידים שטיבעל איז געווען איינער א חסיד א בעל מום, דאָס הייסט עס האָט איהם געפעהלט דער נאָז. רייך אָבער קארג. די טעג פון די נשאים זיינען 12 טעג, אויסער ערב פסח איז פאראן 13. דעם לעצטען טאָג איז צוגעגאנגען דער גבאי צו דעם גביר און איהם געהייסען שטעלען משקה.

— וואָס בין איך היינט פאר א מחותן ? דאָס איז דען מיין נאָמען ? היינט איז דאָך גאָר קיין נשיא ניטאָ !

— יע — ענטפערט דער גבאי — היינט איז בעז נשיא—קומט עס אייך.

אַ קלוגער איינפאַל פון אַ איד אַ למדן

ר' חיים עוזר איז געווען אין א שטעטעל א פארמעגליכער בעל הבית. א איד א למדן און א פרומער.

שבת ביי טאָג. ער שטייט אויף פון שלאָף, עפענט די גמרא, לערענט אויפן קול, אָבער דער טשאָלענט מיט דעם שבת'דיגען קוגעל מאָנען ביי אים שטאַרק א פרישע, ווארעמע גלעזעל טיי. אָבער ווי אזוי בעקומט מען עס ? די קריסטין וואָס העלפט צו אין שטוב ארבעט דרויט זיך ארום אין שטוב, פאַרקעט זיך ביי פערשידענעס, אָבער הייסען איר אָנשטעלען א סאמאָ־וואר אָדער אנדערש ווי מאכען טיי טאָר מען ניט. אמירה לנכדי שבות. הייסען טאָן איז שטאַרק פארווערט, סיידען זי זאָל פון איר אייגענער איני־ציאטיווו עס טאָן. אָבער דאָס איז דאָך א זאך וואָס איז ניט מעגליך.

פאַלט ער אויף אן עצה, און הויבט אָן מיט דעם אייגענעם גמרא נגון אינדערהויך צו לערנען און זאָגען: על פי דין איז דאָך פארווערט אום שבת צו זאָגען: קאטערינע (אזוי איז געווען דער נאָמען פון דער קריסטין), זרוב הערבאטי. נייז. קאטערינע זרוב הערבאטי אָדער טשאי" איז אסור. די קריסטין, וואָס האָט ניט פערשטאַנען מער ניט ווי אירע ווערטער אויף איר שפראך, האָט גלייך גענומען אליין געמאכט טיי, דערלאַנגט דעם פאַן, וועלכער האָט מיט פערגעניגען זיך מחיה געווען פון די כשרע טיי דורך זיין קלוגען איינפאַל, וואָס ער האָט בעקומען.

אַ שמועס צווישען אַ שווער און אַן איידעם

מענדעל האָט בעקומען אן איידעם מיט דעם נאָמען ניסן, וואָס האָט אים געהאַלטען אויף קעסט. א ברירה האָט ער געהאַט, אז מען האָט א טאָכטער א בוגרת ?

איינמאָל ביי מיטאָג זעט ער, אז דער אידים עסט מיט אזא שטאַרקען אפּעטיט גאָר אויסערגעוויינליך, נאָר ער איז דערביי אויך ניט אָפּגעשטאַנען. עס האָט צווישען זיי אזוי ווי פאַנאַנדערגעפלאַקערט א ספּאָרט קאַמף פון הלכות אכילה. דער שווער, וועלענדיג א שטאָך טאָן זיין אידים, רופט ער זיך אָפּ צו אים: — נו מילא. אז פרעסט אין, שבט אפילו אדר, איז דאָס נאַטירליך. אָבער אז נ י ס ן פרעסט, איז שוין גאָר שווער צו דערליידען. אָבער דער אידים האָט באַלד אים געענטפערט: — מילא ניסן, ווי ניסן, אָבער אז איר פרעסט, איז עס טאַקע א סקאַנדאַל.

בור און מזיק

א ישיבה בחור אויף שבת צום טיש עסען פלעגט הענאך דער געלער יע נעמען, און אויך צייטענווייס שטיצען די לומדי תורה, אָבער דערביי זיי זעהר דערעסען מיט זיינע פראַגען. ביז ער האָט אָנגעטראָפען אויף איינעם א קלוגען בחור, וואָס האָט ניט געענטפערט אויף קיין איין פראַגע.

— בחור —רופט זיך הענאך אָפּ צו אים — דער ח״ איז איבעריג בלייבט בור).

— ביי מיר א חית איז נאָך גאָר ניט — ענטפערט דער קלוגער בחור — אָבער ביי אייך ר׳ מחזיק לומדי תורה, איז איבעריג דער חי״ת (הייסט עס מזיק).

מושב לצים

מען האָט געפרעגט איינעם א גדול, וואָס הייסט עס? אלע פאַראור־טיילען די לצנות. אויך דוד המלך זאָגט: ובמושב לצים לא ישב. געפינען מיר אָבער אין דער גמרא פיעל מאָל, אז דאָס איז גאָר א גרויסע מעלה, אזוי אין תענית כ״ג, וואָס אליהו הנביא האָט אויף איהם אָנגעוויזען אויף צוויי מענ־שען אז זיי זיינען בני עולם הבא, ווייל זיי מאַכען פריילאך אלע טרויעריגע. רבה פלעגט פאַר׳ן לערנען מיט די תלמידים שטענדיג זאָגען א גלייכוועטעל, נאָר דער אונטערשיידט פון לצנות ביז א גלייכווערטעל איז גרוים — האָט דער גדול געענטפערט — און דאָס געפינט מען אין דוד המלך׳ס ווערטער. ובמושב לצים לא ישב. דאָס זיינען יענע לצים, וואָס זיי מאַכען מיט זייערע רייד פון די ערטער וואו זיי זיצען — א מושב, דאָס הייסט אזא אָרט וואָס איז ניט איבעריג ריין.

אַמאָל און היינט

אמאָל האָבען אידען געזינדיגט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געגעבען געלט אויף א עגל. היינט זינדיגען אויך פיל רייכע מענשען מיט דעם, וואָס געלט גיבען זיי דאָן, נאָר ווען זיי מאַכען צו אן אויגעל. (ד״ה פאר׳ן טויט).

ופטר חמור תפדה בשה

אן אָרעמער איד א ת״ח פון פוילען האָט געהאַט אין אַמעריקא א פעטער א רייכען, וואָס האָט איהם ניט געשטיצט און א קאַזין אין א מיטעלן

צושטאַנד, שעפּסעל, פלעגט ער איהם שטיצען. פרעגט איהם איינמאָל דער קאַזין, פאַרוואָס שטיצט איהם ניט דער פּעטער? ענטפערט ער, אויף דעם זאָגט דער פּסוק: ופטר (פּעטער) חמור תפדה בשה (שעפּסיל).

ק'נ"י

דער רבי מיט זיין זון איז געקומען אין א שטעדטעל זעהען א כלה. די מאָדערנע פרייליין איז ארויס מיט איהר נעגליזשע און די קלייד איז געווען אזוי קורץ, אז די קני האָבען זיך געוויזען אין גאַנצען.

רופט זיך אָפּ דער רבי צו די עלטערן און ארומיגע: זייט וויסען מיינע פריינד דאָס איך האָב אמאָל אויך געקליבען א כלה און געפונען א באַשערטע און אויך געקוקט אויף די ק"נ"י, און גאָט צו דאַנקען מיר לעבען אין צו־פרידענהייט ביז 120 יאָהר. אבער די ק"נ"י איז געווען מיט אנאַנדער גערדאנק. די ק"נ"י איז דער ראשי תיבות „קרן נדן, יחוס איז ארויסגעקומען גוט און וואויל, אבער די היינטיגע קני איז ליידער דער ערשטער בוכשטאַב וויזט, אז דער שדוך אז ניט פאַר מיר.

אַ קלאַפּ אין מה ידידות

אין אמאָליגע צייטען איז געווען א מנהג צו קלאַפּען אין די לאָדענס ווען אין די קליינע שטעדטלאַך האָט מען געדאַרפט אין שול דאַווענען אדער אז עס איז ווער געשטאָרבען מען זאָל געהן צו דער לויה, און ביי דעם ערש־טען פאַל פלעגט דער שמש געבען 3 קלעפּ, ביי דעם צווייטען פאַל נאָר צוויי, מען זאָל וויסען דעם אונטערשייד.

אין וואָלאָזשין איז געווען אן אַפּטייקער, א פרייער. זיין מוטער איז גע־ווען גאָר ניט קיין צנועה. נאָך ערגער. דער אַפּטייקער האָט געבעטען דעם שמש, אז ווען עס מאַכט זיך א בר מינן, זאָל ער אויך ביי איהם אָנקלאַפּען. צו דאַווענען דאַרף ער ניט. ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט דער שמש ערפילט זיין בקשה, נאָר אנשטאָט 2 קלעפּ, האָט ער דערלאַנגט פיל מעהר. אויף דער פראַגע פון אַפּטייקער, האָט ער געענטפערט, אז דער מנהג שטאַמט פון דער גמרא, וואָס זאָגט, אז יעדער מענש האָט דריי שותפים: דער באַשע־פער און פאָטער און מוטער. די נשמה איז פון גאָט, דעריבער ביים דאַווענען גיט מען דריי קלעפּ פאַר אַלע דריי שותפין. ביי אַ געשטאָרבענעם בלויז נאָר 2, קלאַפּט מען 2 מאָל. אָבער ביי איך, ווער ווייס אייערע שותפים, וויפיל איהר האָט ביי אזאַ צנועהדיגער מאַמען?...

אַ בויג — קאַליע געמאַכט אַ שידוך

א קלוגע, גראָטענע און פרומע פרייליין איז דעם ערשטען מאָל אלס זעהונג געגאַנגען מיט א היינטוועלטיגען בחור. געהענדיג האָט זי באַמערקט ווי דער חתן פאַרנויגט זיך פאַר א שיקסע. קומט זי אהיים און זאָגט, אז די גמרא הייסט איהר ניט טאָן דעם שידוך, דען אזוי שטעהט אין תלמוד: אין

אדם דר עם נחש בכפיפה אחת. דאס הייסט: א מענש קען ניט וויינען מיט א שלאַנג פאַר איין נויג. (כפיפה בעדייט אין אן ענגען צימער און אויך א נויג.)

אַ קאַץ מאַכט קאַליע אַ שידוך

דער וואָרט נעמט זיך משום מעשה שהיה. איינער א כהן האָט זיך געלאָזט ריידען אין דער פרעמד א רייכען שדוך מיט א גבירה. ווען אלעס איז שוין געווען פיקס־פארטיג, די תנאים אָנגעשריבען און דער חתן נעמט חתמנן שרייבט ער אונטער כ״ץ (דאָס הייסט: כהן צדק) איז גלייך דער שדוך געוואָרען אויס.

אַ הספד

געווען אַ לעהרער, אַ גרויסער למדן און קענער, געהאַט אַ גרויסען נאָמען. צו איהם זיך צושלאָגען מיט א שילער איז געווען שווער. איז ער קראַנק געווארען, פאַראַליזירט רחמנא לצלן. לאנג געלעגען, מען האָט איהם איננאנצען פארגעסען. אז ער איז געשטאָרבען איז געווארען א גערודער, מען האָט איהם מספיד געווען, געמאכט א גרויסע לויה און אָפגעגעבען גרויס כבוד. האָט איינער פון די מספידים געזאָגט פאָלגענדעס:

זיין לעבען, שלאָף זיין און שטארבען שטעלט מיר פאָר א בילד, וואָס עס קומט פאָר, ווי בשעת מען לייענט די תוכחה: דער בעל קריאה לייענט הויך ביז ער קומט צו דער תוכחה, דאן ווערט ער שטיל לייענט אין גאנצען מיט א נידעריגער שטימע אזוי לאנג, ביז ער ענדיגט, הויבט ער ווייטער אָן לייענען אין דער הויך.

דער ווייבער „מן” אין דער מדבר

דער מן אין דער מדבר איז געווען ווייך ווי א קיכעלע מיט האָניג, ווייל ער האָט זיך געטראַכט: זאָלען מיר די פרויען עסען. פארפאלען. לכך נוצרתי, צו דעם צוועק בין איך באַשאַפען געווארען. אבי נאָר ניט גריזשען.

מאַלצייט ברכה

נאָך א מאָלצייט ביי א באוואוסטען עסקן, אז ער האָט דערהערט ווי אלע געסט האָבען זיך אויפגעהויבען און אויסגערופען: מאָלצייט! ויפתח האתון את פי און אויך אויסגערופען: זמן מילה!

שוטה אָבער שותה

איינער אן אפעריסט האָט זיך פאָרשטעלט פאר א ירושלמי, זיך אָנגעטאָן אין א חכם טראַכט, גערעדט מיט החברה הספרדים און געשנאָרעט געלד.

איז אויסגעקומען זיצען אויף סעודת ברית מיט נאָך איינעם א רב, זעהר א קלוגען. שטעהען פלעשער וויין. אין ארץ ישראל היטען זיך די פרומע פון טרינקען חדש, ד"ה פרישע וויין, וואָס בזמן הבית האָט מען נאָך ניט אָפּ־געגעבען דאָס וואָס געהערט צום כהן. ווענדעט זיך דער רב צום ירושלמי און פרעגט איהם: חכם ספרדי, איזה שותה (לייען שוטה) אתה? חדש און ישן?

ווער האָט געטראָגען דעם עומר מן?

די פראגע שטעלט זיך ווען מען קומט אין פאלעסטינע אדער אין אנ־דערע לענדער פון אָריענט און מען זעהט, אז די גאנצע ארבייט, אפילו די שווערסטע ווערט ארויפגעלייגט אויף די פרויען און די מאנספערזאָנען, די פויל־ענצער טוען גאָרנישט. האָט אמאָל א אינגעלע לערנענדיג חומש מיט דעם רבי'ן געפרעגט: פארוואָס האָבען דעם מן געטראָגען די מאנספערזאָנען און ניט די פרויענצימער?

ענטפערט איהם דער רבי, וואָס שטאמט פון ליטא — ניין מיין קינד, מען האָט זיי ניט געקענט אנטרויען, דאָס איז דאך מן, וואָלטען זיי איהם אויפגעגעסען מיט די ביינער.

אַ שמש'ס אַן ענטפער

געווען ביי ר' וועלוועלען א שמש, וואָס ער פלעגט פון איהם ליידען. ניט געפאָלגט. האָט ער געזאָגט — פאראן דרייערליי שמשים — א שמש פון חנוכה ליכט, ברענט ער; שמש פון ציצית, ווערט ער צודרעהט און פאר־קרימט — מיין שמש ניט ער ווערט פארקרימט און ניט פארדרעהט. זאָג נאָר, ווי ווערט מען פון דיר פטור?

דער שמש ניט קיין נאר, ענטפערט איהם אזוי — טוט רבי ווי משה רבנו האָט געטאָן זיין תלמיד, ער האָט איהם צוגעלעגט איין אות פון הושע, יהושע איז ער שוין געראַטעוועט געוואָרען. גיט מיר אייך צו א מ. וועל איך ווערען ניט קיין שמש, נאָר א משמש ביי א רבין, ביי א גוטען איד, וועל איך האָבען פרנסה, וועט מען פון מיר זיין צופרידען.

אַ געלונגענער ענטפער פון אַ דאָרפס אינגעל

אין די אלטע יאָהרען פלעגען אנדערע קליינשטעדטעלדיגע רבנים אין ווינטער צייט, ארום חנוכה, ארויספאָהרען צו די דאָרפס־אידען—ישובניקעס נאָך נדבות, וואָס איז געווען פון נאַטור־אָרדינאַריע אויך געלד.

איינער א דאָרפס־מאַן האָט געהאַט א זעלטען קלוגען זון. ווען חנוכה־צייט האָט זיך באַוויזען דער ערשטער רב, בעט איהם דער ישובניק, אז ער זאָל פאַרהערען זיין זון און פּרובען איהם אין רעטעניישען און פראגען. דער רב האָט געמיינט אז דאָס איז א פּראָסטער יונג ווי אלע אנדערע. זאָגט ער צו איהם — זאָג מיר, טייער בחר'ל, ווען איז זומער גוט און ווינטער שלעכט, ווען איז ווינטער גוט און זומער שלעכט, און ווען איז שלעכט סיי זומער סיי ווינטער?

דער אינגעל האָט געוואוסט, אז דאָס מיינט מען א שליטען, א וואָגען און א פערד. נאָר פארדראָסען האָט איהם, וואָס דער רב האלט איהם פאר אזא פּראָסטאַק און פרעגט איהם אזעלכע נארישע פראגעס. ענטפערט ער איהם גלייך אָפּ זיין אייגענעם אויפטו: — זומער גוט און ווינטער שלעכט אין גזלנים. ווינטער איז קאלט, קענען זיי זיך ניט אויסבאהאלטען אין די וועלדער, זומער שלעכט, און ווינטער גוט איז די קליינשטעטעלשע רבנים; ווינטער פאָהרען זיי איבער די ישובים און נעמען צונויף פון די ישובים אל־דאָס גוטס; שלעכט סיי זומער סיי ווינטער איז די דאָרפס־אידען. זיי לײדען זומער פון די גזלנים און ווינטער פון די רבנים.

אַן אמת׳ער מי שברך

נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, ווען די באָלשעוויקעס האָבען ערמאָרדעט דעם צאַר מיט זיין גאנצער פאמיליע, זיינען די פּאָפּעס זונטאג אין די צערקוועס געווען אין א פארלעגענהייט, זיי האָבען ניט גע־וואוסט וועמען מאכען א מי שברך. האָבען זיי געשיקט וועגען דעם אן אָנפראגע אין סינאָד. האָבען זיי ערהאלטען אן ענטפער אזא:

— מאכט א מי שברך „פּאָ מאטערי״ (ווייל די מוטער פון קיסר, וואָס איז געווען אין אויסלאנד איז לעבען געבליבען, און דער אויסדרוק און ענטפער אין רוסישען זין הייסט ניט קיין עטישער.)

אַ מחלוקת צווישען אַ ליטוואַק און אַ וואָלינער

א סוחר א ליטוואק איז אנגעקומען אין וואָלין, איז ער איינגעשטאנען ביי אפּראָסטען מענשען. שבת ביי דער סעודה בעט דער ליטוואק, אז מען זאָל איהם צוגעבען ברויט. וואונדערט זיך דער וואָלינער — סטייטש, ווי קומט עס אום שבת עסען ברויט?... זאָגט דער ליטוואק דער למדן, אז אין פסוק שטעהט בפרוש — נותן לחם לכל בשר. דאָס הייסט, אז צו יעדער מיז פלייש דאַרף מען צוגעבען ברויט!

ענטפערט דער וואָלינער, אויך א גרויסער למדן — איהר פארשטעהט ניט גוט דעם פּשט: נותן לחם לחול (לכל) דאָס הייסט אָנדערוואָכען צו פלייש, אבער ניט אום שבת און יום טוב.

פאַרשטייט אַ פּסוק

אן אָרעמער ברודער איז געקומען צו זיין רייכען ברודער אין הערבסט בעטען שטיצע. דער רייכער ברודער האָט זיך אנגעהויבען פאר איהם שטארק באקלאָגען, אז קיין פארדינסט איז ניטאָ, אז די געשעפטען ליגען שטארק אין דער ערד, כאָטש נעהם און גיב איהם א נדבה.

דער אינגערער ברודער האָט עס אלץ אויסגעהערט און געשוויגען. דען וואָס קען ער איהם ענטפערען. צום סוף פרעגט ער איהם וועגען זיינע קינדער און צי לערנען זיי שוין ערגעץ. רופט זיך אָפּ דער ברודער, אז זיין

זון גייט שוין אין א חדר ביי א גוטען מלמד און בעט איהם, אז ער זאָל איהם פארהערען אָדער לערנען מיט איהם. געגאנגען איז די סדרה לך לך. רופט ער איהם צו, נעמט דעם חומש און לערענט מיט איהם אזוי, אז דער טאטע זאָל עס הערען:

לך, לך, געה דיר אוועק מארצך, וואָס דו זאָגסט, אז דיינע געשעפטען ליגען אין דער ערד. אל הארץ אשר אראך. איך וועל דיר געוויזען ווי אזוי מען ליגט אין דער ערד, אז איך זאָל דיר אויסדערצעהלען מיין פעקעל צרות וואָלסטו שוין געשוויגען.

היינטיגע רויטע ליפּעלאך רעדען מיט עשו׳ס לשון

אז די היינטיגע געמאליעוועטע מיט שמינקע און פודער געפוצטע פריי־לינס דארפען ארויסגעהן אין גאס, זאָגען זיי אויך, ווי עשו צו יעקב׳ן — הלעיטני נא מן האדם „האדם” הזה.

פאַרוואָס דאַרף אַ חתן באַצאָלען קנס?

א חתן, א נידערטרעכטיגער יונג האָט געשריבען תנאים מיט א שעהנע אידישע פריילין און דערנאָך אָפּגעשיקט די תנאים און אָפּגעלאָזען דעם שדוך. אז מען איז געגאַנגען צום רב און געמאָנט קנס פאר דעם אָפּזאָגען דעם שדוך, האָט דער חתן געזאָגט: — רבי, וואָס האָב איך דאָ אזעלכעס געטאָן? פאר זיין א חתן אזא קליינע צייט דאַרף איך באַצאָלען? וואו הערט מען עס?

— מען הערט עס און מען זעהט עס שטענדיג — האָט דער רב מיט פארביטערונג געענטפערט. — שטעלט אייך פאָר, אז אן עפּעל פאַלט אראָפּ פון בוים און איינער הויבט עס אויף, וואַשט ער עס אָפּ און עסט אויף, נאָר אין דער זעלבער צייט זאָל א שווין עס אריינגעמען אין מויל און עס אויס־שפּייען, וועט שוין קיינער אין האנט ניט וועלען נעמען.

אַ געוויין אין דער הגדה

א מלמד, א פרומער איד, נאָכ׳ן אָפּזיין א גאנץ ווינטער אין א דאָרף לערנען מיט קינדער איז געקומען אויף פסח אהיים. ער האָט זייער געוואָלט וויסען צי ער האָט א מלכה אויף פסח, נאָר ער האָט עס ניט געקענט דער־געהן, ווייל די ווייב איז אויך געווען א גרויסע צנועה. ביז ער האָט זיך דערוואוסט דורך א צופאָל און ביי די ווערטער „אלו היה שם לא היה נגאל”. האָט זיך איהם אָנגעהויבען גיסען טרערען פון די אויגען, אז א זייטיגער, וואָס איז אריינגעקומען און דערביי געזעסען האָט איהם געפרעגט וואָס ער ערגערט זיך אזוי. האָט ער ערקלערט, דאָס דער בעל הגדה מיט זעקס ווער־טער האָט איהם קלאָר געמאכט זיין לאגע. נעמליך — „אלו היה שם, ווען זי וואָלט געווען דאָרט... לא היה נגאל, וואָלטען קיין נעגעל ניט געווען.

מעלות — זיינען חסרונות

דער גרויסער גאון ר. מאיר שמחה פון דווינסק איז געזעסען די ערשטע צייט אין ביאַליסטאָק, געוואוינט אויף א אויבער־שטיבעל מיט צודרעהטע הילצערנע טרעפּ. ווען די דעלעגאטען פון דווינסק זיינען ארויפגעגאנגען אויף די טרעפּ צו איהם, וואונדערען זיי זיך, ווי אזוי לאָזען דאָס די ביאַ־ליסטאָקער אידען אזא גרויסער גאון זיך אויפהאַלטען אין אזא דירה מיט אזעלכע טרעפּ.

ענטפערט זיי ר' מאיר שמחה זצ"ל מיט א איראָניע: — וואָס קען מען טאָן,ביי אייך דווינסקער איז דאָס חסרונות און ביי אונז ביאַליסטאָקער איז דאָס מעלות (טרעפּ אין העברעאיש).

די כהנים ביי דוכענען

ווען די כהנים דוכענען הויבען זיי אויף די הענד מיט די דלאָניעס צום עולם. דאָס ווייזן זיי. זעהט — מיר ווילען ניט פאר זיך און בעטען ביי אייך גאָרנישט. מיר בענשען אייך מיט'ן גאנצען הארצען. דעריבער זאָגט מען טאקע א ווערטעל, אז די כהנים וואשען די הענט און בענשען באלד אָן א סעודה אין מיטן.

עזות פנימ'ער

אין א בית המדרש זיינען געווען גרויסע עזות פנימער, פלעגען אָנמאכען גאנצע אוואנטיורעס, האָט דער רב געזאָגט, אז מען טאָר אין בית המדרש ניט ראוונען, ווייל עס איז פאראן א ח"ש"ש איסור, דען ח"ש"ש חברה שטאָ־טישע שקצים, חלול שם שמים.

אַ שמש פאַרדינט געלט פאַר ניט פאָלגען

א גביר וואָס האָט גענומען פאר זיין טאָכטער א דאקטאר פאר א מאן, האָט ער איהם דעם ערשטען שבת גענומען אין שול צו דאוונען. ער איז אָבער געווען א פּראַקטאָק, האָט ער שטילערהייט געבעטען דעם שמש ער זאָל איהם ניט אויפרופען צום ספר און צוגעזאָגט איהם דערפאר 1 דאלאר. דער שמש איז געווען אליין דער בעל קורא אויך, נעמט ער גראָד און רופט איהם טאקע אויף, ווייל עס קומט איהם א עליה, און ניט געבען איז א פחיתת הכבוד פארן שווער. דער דאָקטאָר איז אַרויף אָן אויפגערעגטער און א פאר־שעהמטער און זאָגט צום שמש שטילערהייט:

— וואָס האָט איהר מיר געטאָן? איך האָב דאָך אייך געבעטען מיר ניט אויפרופען און צוגעזאָגט צו פארגיטיגען.

אָמן — רופט זיך אָפּ דער שמש — מעל זאָל מיינען אז ער האָט אין דער שטיל געמאכט א ברכה און זעצט פאָר דעם לייענען. אם ענדע רופט זיך דער דאקטאר אָפּ א צופרידענער אויך אין דער שטיל:

— אז איהר האָט דעם עסק אזוי ריכטיג געמאכט, וועט איהר דערפאר באקומען נאָך 3 דאלאר.

לא תקפוץ את ידך

ביים געבען צדקה זאָגט אָן די תורה: לא תקפוץ את ידך — מאך ניט צו די האנד. די באדייטונג פון דעם קען האָבען אויך אזא זין. ביי פילע מענשען, אפילו גוטהערציגע קלייבען זיך ניט פאנאנדער וואָסער צדקה איז בילכער און נויטיגער און וועלכע איז א צווייטראנגיגע, און דאָס דארף אזוי ניט זיין. אויף דעם זאָגט די תורה — פארמאך ניט די האנד נאָר עפען איהר אויף. זאָלען ניט די אָרעמע נויט גלייך, ווי אלע פינגער, ווען די האנד ווערט צוגעמאכט זיינען זיי גלייך, נאָר ווי די פינגער ביי אן אָפענער האנד, זיינען אנדערע גרעסער און אנדערע קלענער. אזוי דארף מען פארשטעהן ביים טיילען צדקה.

אַ ריכטיגע חלוקה

פאר'ן טויט האָט דער גביר מ. ש. צוגערופען זיין ווייב און קינדער און האָט געזאָגט — איך צוטייל מיין גאנצען פארמעגען אויף 6 גלייכע טיילען: 3 טיילען מיינע דריי זין, א טייל מיין פרוי, איינע מיינע טעכטער און איין טייל מיר אליין. געמיינט האָט ער דעם טייל צדקה.

יסורים ממרקין

די גמרא זאָגט: אז יסורים ממרקין עונותיו של אדם. דאָס הייסט, אז דער מענש וואָס ליידט יסורים ווערט איהם דערפאר פארווישט און אראָפּ־גערעכענט פיל זינד.

מענדעל וואָס האָט ניט אויף שבת און געליטען פון דעם אין דער צייט פון אקופאציע פון געלט (מארק) מאנגעל פלעגט שרייען, אז יסורים ממארקען ווייס איך בעסער פון אלעמען.

קאַליע מאַכען אַ שידוך איז גרינג

זאָגט טאקע די תורה: כי באפם הרגו איש. מיט א דריי, א קרים מיט'ן נאָז ווערט א שדוך קאליע.

טוב שברופאים לגיהנום

אין תלמוד ווערט געבראכט דער אפאָריזם, וואָס באדייט, אז דער בעס־טער פון די דאקטוירים מוז געהן אין גיהינום. אויף דעם אויסטערלישען אויסדרוק זיינען פאראן פילע קאָמענטארען, וואָס ניט דאָ איז דער אָרט זיי צו ברענגען, נאָר איינעם פון זיי פון א גרויסען אידישען דאקטאר מיט א גרויסער אידישער ערודיציע און א קענער און פארעהרער פון תלמוד וויל איך דאָ ברענגען.

אַט וואָס ער האָט געזאָגט:

— ווי באוואוסט איז על פי דין אז איינער האָט זיך דערדינט און גע־דאַרפט באַקומען 39 מלקות איז מעהר פון דער צאָל האָט מען קיינמאָל ניט געטאָרט געבען. אָבער אויך די צאָל האָט אפריהער געדאַרפט א גוטער דאָקטאר אונטערזוכען דעם געזונד און פיזישען צושטאַנד פון באשולדיגטען און באַשטימען וועלכע צאָל ער קען אויסהאַלטען, אַז עס זאָל ניט קומען פאַר איהם א קאַטאַסטראָפע.

וויבאַלד אַזוי איז דאָך לייכט צו פאַרשטעהן, אַז אין גיהינום וואו אַזעל־כע עקזעקוציעס איבער רשעים ווערען דאָך אויסגעפירט אין די גרויסע מאַסען, מוז מען דאָך האָבען דאָקטוירים עקספּערטען זיי זאָלען אורטיילען וויפיל די באַשטראָפטע וועלען קענען אויסהאַלטען, און זעלבסטפאַרשטענדליך וועט מען דאָרט ניט נעמען אבי וועלכע דאָקטוירים עסקולאַדן. דאַרטען דאַרף מען אַזעלכע, וואָס זאָלען זיין אויטאָריטעטען און ספּעציאַליסטען. איז שוין רעכט דער אויבען דערמאָנטער מאמר.

קלוגע הספדים נאָך מענשען, וואָס האָבען עס ניט פאַרדינט

נאָך א רייכען מענשען וואָס האָט געהאַט ווייניג מעלות, נאָר איז געוועזען א תקיף, האָט דער קלוגער דרשן אַזוי געזאָגט:

— ווער עס קומט אין א געריכט־הויז און זעהט שטעהענדיג צוויי מענשען שטעהן פאַר די ריכטער אויף 2 סטענדס: איינער שיט פעך און שוועבל אויף דעם באַשולדיגטען, דאָס איז דער פּראָקוראָר; דער צווייטער, א גרויסער גוטער פאַרשטעהער, וועלכער נוצט אויס זיין גרויסען אראַטאָרישען טאַלאַנט אויף איהם ריינוואַשען, קען מען מיינען, אַז דער ערשטער איז א בייזער און א שלעכטער, דער צווייטער איז א גוטער און א דימענט. וועט עס זיין פאַלש. זאָלען זיי זיך בייטען מיט די ווערטער, וועט זיך גלייך בייטען זייער ראָליע.

אַזוי איך אויך. יעצט שטעה איך ביי דעם סטענדער צו רעדען גוטעס דאַרף איך און מוז נאָר רעדען וועגען גוטעס און ערפילען מיין פליכט.

בכו בכה להולך ולא ישוב

געזאָגט א הספד נאָך איינעם וואָס איז געשטאָנען און איבערגעלאָזען זעהר שלעכטע קינדער. זאָגט ער: — די גמרא זאָגט אויף דעם פּסוק — וויינט אויף דעם מענשען וואָס געהט אוועק פון דער וועלט און ער קומט ניט מעהר צוריק, דאָס איז געמיינט, דער וואָס געהט אוועק פון דער וועלט אָהן קינדער. דאַרף מען צולייגען די ווערטער, וואָס ער נעמט זיי ניט מיט.

דער זין איז: אז מען לאָזט איבער א גוטען זון, הייסט עס אַזוי ווי דער פאָטער לעבט ווידער אויף.

פּונקט פאַרקעהרט

יצחק האָט געבענשט יעקב'ן והוה גביר לאחיך. איז דאָס פאר איהם א חסרון, אלע האלטען איהם פאר א גביר. ביי יעדער נתינה, ביי יעדער שאַצונג איז ער שטיין־רייך זאָגט מען אויף איהם און מען רייסט פון אלע זייטען.

עשו'ן האָט ער געבענשט — ואת אחיך תעבוד. איז דאָס פאר איהם א מעלה. האָט ער ארבייט, באשעפטיגונג, וועט ער נאָך זוכען עס אוועקגעבען זיינעם אן אייגענעם אויסמיידען א פרעמדען, בפרט א אידען. ביי יעקב'ן ליידער איז דאָס פונקט פאַרקעהרט.

שמחתי באומרים לי

ר' ישעיה פוק'ס טאָכטער, וואָס איז געווען א פרומע און געקענט גוט העברעאיש, אז מ'האָט איהר געפרעגט: — צי דו ביזט צופרידען, וואָס דו געהסט חתונה האָבען? האָט זי געענטפערט מיט דעם פסוק פון תהילים: — שמחתי באומרים לי. עס פרעהט מיר, אז מען וועט מיר זאָגען: הרי את מקודשת „לי״, בית ה' נלך. איך וועל שוין קענען געהן אין בית המדרש דאווענען, דען אלס מיידעל האָט זי עס ניט געקענט טאָן.

עלי קללתך בני

מיר וועט ער דאך שילטען — האָט געזאָגט רבקה צו איהר יעקב'ן — דען עשו'ס קללה איז דאך (דער רוסישער) אין דער מאמען...

---

11 מאָל חיים

אין דעם יהי רצון פון ר"ח בענשען געפינט זיך 11 מאָל דער וואָרט חיים, דאָס איז געגען 11 מאָל וואָס מען בענשט ר"ח אין יאָהר (אין אלול בענשט מען ניט ר"ח תשרי ווי באוואוסט).

אַ הספד נאָך אַ גרויסען עסקן מיט אַ משל

איינע א גרויסע מאגנאטין האָט געהאט ביי איהר הויז א גרויסען בלומען גאָרטען, דאָרט זיינען געוואקסען די טייערסטע בלומען וואָס עס געפינען זיך אויף דער וועלט, ווייל זי איז געווען א גרויסע ליבהאָבערין פון דעם.

א גוטהערציגע איז זי אויך געווען. ווער עס האָט נאר געדארפט בלומען פאר א קינד, בוקעטען אויף א שמחה און אנדערע, פלעגט זי טיילען מיט צופרידענהייט און אפולע האנט.

לויט דעם באפעהל פון א דאקטאר האָט זי געמוזט אויף זומער אָפּ־פאָהרען אין א קור־אָרט אויף דעם גאנצען זומער. ווען זי איז צוריק געקומען,

האָט זי געפונען אָבגעלאָזען, וואו ניט וואו אין די ווינקעלאך זיינען נאָך געווען ערטער וויים געצעהלטע בלומען. זי האָט זיי אלע גוט באַטראכט. באַמערקט זי איינמאָל אין דער פרי א בלום פעלט. פארברעכט זי די הענט און נעמט איבער דעם פארלוסט שטארק וויינען. פרעגט איהר דאס איניקעל:

— זאָג מיר, טייערע באָבע, וואָס ביזטו היינט אנדערש געוואָרען? אין פרילינג־צייט האָסטו דאָך אליין מיט דיינע הענט זיי געפליקט און גע־טיילט אויף רעכטס און לינקס, ווער נאָר עס האָט ביי דיר געבעטען. און היינט — מאכסטו א וועזען פון איינאיינציגען בלום?

— יע, מיין טייערע — האָט די אלטע געענטפערט. עס איז א גרויסער אונטערשייד פון דעמאָלסט ביז היינט. די ליכטיגע ווארעמע זון פון אויבען און די זאפטיגע ערד פון אונטען האָבען יעדען טאָג געגעבען מאסען בלומען. איינע אראָפּ, צעהן אנדערע אויף איהר אָרט. אָבער היינט — די בייזע ווינ־טען, שלעכטע מענשען, די קעלט מיט נאָך מיני פורעניות האָבען דאך א תל געמאַכט פון גאנצען גאָרטען. געוואָרען גאָר ווינציג. פעלט איינע קומען קיין אנדערע ניט צו. איז דאך טאקע דער שאָדען זעהר גרויס, אז עס נעמט טאקע ביים הארצען.

אין דער אידישער וועלט איז אויך אזוי. אמאָל האָט געהערשט תורה, גדולה, פּראספּעריטי. זיינען געווען זעהר פילע וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט טשאריטי. געבויט, געגרינדעט, געזאָרגט און מתעסקים האָבען ניט גע־פעהלט.

היינט, אלץ רואינירט. יעדערער קוקט נאָר פאר זיך. איז נאָך פאראַן איינציגע, געצעהלטע, יחידי סגולה. איז ווען איינער געהט אוועק איז דאָך טאקע א גרויסער שאָדען.

סעודת פורים און סעודת הלידה

,א קריסט האָט געפרעגט א אידען — ווי קומט עס, זאָגט ער, וואָס סעודת פורים מאַכט איהר פארנאכט ווי מיר אונזערע. יום טובים ביי אייך איז דאָך שטענדיג דער אָנפאנג פייערונג אָנהויב אבענד?

— אָבער די וויהנאכטס סעודה מאכט איהר דאך אויך אָנהויב אבענד ווי מיר, האָט דער איד געענטפערט — און דאָס שטימט מיט דער טראדיציע. אייער סעודה פון קריסטוס געבורט, וואָס איז דאן געווען א איד, מוז ער נאָכגעהען נאָך אונזער מנהג. אונזער סעודה נאָך מפּלת המן, וואָס איז געווען א ביטערער אנטיסעמיט, מוזען מיר נאָכטאָן אייער מנהג.

אַ שמועס פון צוויי גוטע פריינט

— וואָס מאכסטו, דוד?

— א דאנק, איך בין זעהר שוואך, ניט פאר דיר געדאכט.

— הערסט, דוד, וועגען דיר הער איך פיל שבחים. דעם שבח (שוואך) וויל איך ניט פון דיר און ניט פון אנדערע הערען וועגען דעם.

וועגען די לערער

לערער, רעליגיע, וואָס געהן היינט אויף שטונדען צו די קינדער, וואָס קענען אפילו קיין שייטל עברי אויך ניט, קען מען אויף זיי זאָגען דעם פסוק: ויתהלכו מגוי אל גוי.

אַ באַרימער

זעהט איהר איך בין באמת מקים דעם פסוק פון בזעת אפך תאכל לחם, ד"ה מיט דעם שוויים פון פנים זאָלסטו עסען ברויט, דען איך בין א אייגענ־טימער פון א שוויץ באָד.

איבערבייטען דעם נאָמען

צו ר' א. חריף האָט איינער אַ מחבר געבראַכט אַ ספר, וואָס האָט איהם א נאָמען געגעבען ידי משה (משה'ס הענט).

דער דר. א. האָט דורכגעקוקט דעם ספר, וועלכער איז איהם שטאַרק ניט געפעלען געווארען, האָט איהם צוריק אפגעגעבען דעם מחבר און דערביי באַמערקט: — איהר דאַרפט טוישען דעם נאָמען: ניט ידי משה נאָר פני משה, ווייל מען קען איהם ניט אָנקוקען".

דער גרעסטער האָנאָראַר פאַר'ן שרייבען

האָט זיך באריהמט א אידישער יונגערמאַן און געזאָגט: — די גרויסע שריפטשטעלער און מעמוארען שרייבער באריהמען זיך, אז זיי נעמען גרויסע געצאָלט פאר'ן שרייבען. ווער 1 דאלאר א וואָרט, ווער 10 און מעהרער. אבער אזא געצאָלט וויפיל איך האָב באקומען פאר ניט שרייבען, נאָר זאָגען, וועט שוין קיינער קיין גרעסערע ניט באקומען. פאר 9 ווערטער — הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל, וואָס איך האָב געזאָגט צו מיין ווייבעל אונ־טער דער חופה, האָב איך באקומען גאַנצע 5 טויזענד דאלאר ד. ה. איבער 500 דאלאר א וואָרט.

דאָס אייגענע נאָר פאַרקערט

ירמיהו הנביא שטראָפט די אידען, וואָס זיינען געווען געצען דינער — הוי האומרים לעץ אבי אתה! וועה איז צו די „וואָס זאָגען צו א שטיק האָלץ: דו ביזט מיין פאָטער!"

היינטיגע קינדער זאָגען פארקערט: — צום פאָטער זאָגען זיי, אַי פאָ־טער, דו ביזט א בטלן, פארשטעהסט גאָרנישט.

אין ארץ ישראל און ביי אונז

אין ארץ ישראל איז די שטאָדט תל אביב א דערקוויקעניש פאר יעדער אידן און מען שטרעבט צו זיין דאָרט, בפרט די יוגענד.
— ביי אונז די יוגענד מאַכען א תל פון „אביו" פון זייער טאַטען.

ברוך מרחם

צוויי אידען זיינען ארייגעגאנגען צו איינעם אן אויפגעקומענעם גביר נאָך א נדבה. דער גביר איז געזעסען אויף א פאטעל אין א אויסגעפוצטען זאַל־צימער. ווען זיי זיינען ארייגעקומען האָבען זיי ניט אויסגעווישט די שטיוועל וואָס זיי האָבען געטראָגען. דערהערענדיג נאָך וואָס זיי זיינען גע־קומען איז ער אויף זיי ארויפגעפאַלען מיט א געמיינער זידלעריי, פארוואָס זיי האָבען זיינע דילען איינגעשמוצט מיט די ניט זויבערע פיס.
— קום, לאָמיר געהן — האָט זיך איינער אָנגערופען צו דעם אנדערן — זעהסט דאָך, אַט דער סוביעקט איז א ברוך מרחם על הארץ (האָט רחמנות אויף דער ערד) אבער ניט קיין ברוך מרחם על הבריות (האָט אויף מענשען ניט קיין רחמנות) מעג ער שוין אביסעל וואַרטען אויף דעם ברוך משלם שכר טוב (אויף קריגען געצאָלט).

דאָס בעסטע אָרט וואו צו שפייען

א גרויסע מאדאם פון די נייַ־אויפגעקומענע, א העסליכע און ביז גאָר א שלעכטע האָט געפירט א גאַסט איבער איהרע לוקסוס צימערן, וועלכע האָבען געפינקעלט און געגלאַנצט פון זויבערקייט און אַלץ געפרעגט ביי איהם זיין מיינונג און זעהר שטאָלצירט מיט איהר מוסטער־אָרדנונג. צום סוף האָט גענומען דער גאַסט און איהר געגעבען א שפּיי אין פּנים און געזאָגט דערביי סאַרקאַסטיש: — פּשעפּראָשעם. איך האָב אנדערש ניט געקענט, ווייל קיין מיאוסערן אָרט האָב איך אין ערגעץ ניט געפונען...

מצוה לקים דברי המת

א גרויסער רב פאר זיין פּטירה האָט געלאָזען א צואה, אז די שטאָט־לייט זאָלען אויפנעמען אויף זיין אָרט פאר א רב זיין יונגען איידים. אבער די אויפפיהרונג פון דעם יונגען איידים איז ניט געווען פּאַסיג פאר א רב, האָבען זיי געצעגערט. רופט ער זיי לדין און מאָנט, אז אין דין שטעהט דאָך „מצוה לקים דברי המת".
— אמת — האָט געענטפערט דער פאָרשטעהער פון דער קהלה — וואָס הייסט דברי המת? א טויטער קען דען רעדען? נאָר דאָס איז געמיינט טאַקע דברי המת, דען ווען דער שווער אייערער האָט געלעבט האָט ער ניט געוואוסט וועגען אייער אויפפיהרונג. ערשט ווען ער איז מת, וואָלט ער אליין געגען דעם פּראָטעסטירט און זיין מיינונג געענדערט, מוזען מיר עס מקים זיין.

א גמרא קעפעל

פון פוילישען אויפשטאנד געגען רוסלאנד געהט ארום צווישען פאלק אזא לעגענדע:

איינער א גרויסער גראף האט זיך פארשולדיגט אין מיטהעלפען די אינסורגענטען איז ער דורכ'ן געריכט פאר'משפ'ט געווארען ער זאל פארשיקט ווערען אויף סיביר. גרויסע לייט און די פאמיליע האבען פארגענומען שריט איהם צו ראטעווען, האט מען אנגעגעבען א ביטע צום צאר ניקאלאי איהם צו באגנאדיגען.

דער קיסר אויסהערענדיג די אלע מאטיוען פון די פארברעכערישע מעשים פון דעם גראף, האט ער עס געהייסען פארפראטאקאלירען און דעם אורטייל אויספירען. דער סעקרעטער, א געטויפטער איד, א גמרא קעפעל האט אזוי אויפגעשריבען דעם נוסח פון דעם קיסר'ס רעזאלוציע: — פאר די אלע פארברעכערישע מעשים שענקען, טאר מען ניט פארשיקען קיין סיביר און דער צאר האט אונטערגעשריבען זיין נאמען — ניקאלאי.

ווער דארף געבען קעסט?

צו ר' אייזל סלאנימער זיינען געקומען זיך לאדען צוויי מחותנים וועגען קעסט. דער אבי החתן און דער אבי הכלה, וואס זיין טאכטער האט געהייסען חי'. יעדער האט געוואלט, אז קעסט זאל געבען דער צווייטער. ר' אייזל האט געזאגט: — אין דער גמרא איז פאראן א מאמר: מאן דיהיב חיי (חיה) יהיב מזוני, ווער עס גיט חיהן (אבי הבת) דארף געבען קעסט.

וואס איז מיט דער קשיא?

אין א שול שבת ביים דאוונען האט זיך דער רב אוועקגעשטעלט נאכ'ן לייענען האלטען א דרשה, האט ער אריינגעבראקט א געדרעהטען לומדישען פלפול. האקט איבער איינער א מתפלל און רופט אויס: אבער וואס וועט זיין מיט דער קשיא?! — גערעכט זאגט דער רב און נעמט ווייטער פלפולן. רופט ער ווידער אויס, און דער רב זוכט צו פארענטפערן. — אבער די קאשע? — פרעגט ווייטער יענער. וואסער קאשע? פרעגט דער רב. — איך מיין די קאשע פון טשאלענט. דורך אייער לאנגען רעדען וועט זי ווערען קאלט און פארזויערט.

##ביידע וואונשען זאלען דערפילט ווערען

צו א גוטען אידען זיינען אין איין צייט געקומען צוויי פרויען זיך באקלאגען אויף זייערע מענער. איינע, וואס איהר מאן איז א גרויסער נדבן. די אנדערע, וואס ער איז א גרויסער קמצן. דער רבי האט זיי געשיקט רופען. דער נדבן האט געענטפערט — ער האט מורא, טאמער שטארבט ער גיך, טא וואס דארף ער די געלט? נאכדעם האט ער באזונדער אויסגעהערט דעם

קמצן, און יענער האָט געענטפערט — אַ מענש ווייס ניט ווען זיין ענדע און ווי עס קען אויספאַלן, מוז ער היטען די געלט ליום צרה.

נאָכהער האָט ער זיי אַריינגערופען ביידע און זיי געזאָגט — איך ווינש אייך און בענש אייך ביידע, אַז אייער שרעק זאָל ניט מקוים ווערען...

אַן אָנצוהערעניש

שבת אין מיטן דאַווענען איז געשטאַנען אין שול אַ שוחט מיט אַן איינגעריכטען נאָז, נעבען איהם איז געשטאַנען אַ קלוגער איד, נאָר זעהר אַ פרומער, וואָס האָט זיך געהיט צו רעדען אום שבת בפרט אין דאַווענען דברי חול, האָט ער זיך געקליגט און געזאָגט איהם אויף לש״ק — שו״ב, מחרון אפך (שו״ב בעדייט אַ שוחט ובודק, מחרון קלינגט ווי מאַך ריין), און דער שוחט האָט מיט זיין טיכעל עס ערפילט.

קעלמער מגיד׳ס אַ וואָרט

דער באַוואוסטער, גרויסער קעלמער מגיד איז געקומען אין אַ שטעטעל, ער וויל זאָגען אַ דרשה, אַבער ער געפינט אין שול קיינעם ניט, ווייל דאָס שטעטעל האָט געהערט צו אַ פּריץ און דאָרט איז אַ זוהן געשטאָרבען ביי דעם פּריץ. זיינען די גאַנצע שטעטעל מה יפית אידען אַזוי ווי די כלבים וואָס זאָגען שירה, באו נשתחוה ונכרעה זיינען זיי געקומען ווייזען זייער טריישאַפט צום פּריץ.

דעם אַנדערען שבת, ווען אַלע שטעטעלשע אידען זיינען שוין זיך צוזויפגעקומען, האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ פסוק פון ישעיהו (מ׳) קול אומר קרא ואומר: מה אקרא? כל הבשר חציר, און האָט עס ערקלערט אַזוי — קעלמער קרא, קעלמער, זאָג עפּעס. ואומר — האָב איך געזאָגט — מה אקרא? וואָס קען איך זאָגן? אַז: כל הבשר חציר, אַז אַלע זיינען אין הויף. וועט איהר פרעגען, אין חציר איז דאַ אַ יוד! פרעג איך אייך: ווי קומט אַ איד אין חצר אום שבת?

אַ חזנ׳ס ענטפער

מ׳האָט אַ חזן געפרעגט, ווי קומט איהר עסען אום יום כפור נאָך כל נדרי אַ עוף?

— איך דאַרף נויטיג די שטימע און דער פסוק זאָגט: כי עוף השמים יוליך את הקול — האָט ער געענטפערט.

אַ מויער אַ מלאך המות

די גמרא זאָגט, אַז דער מלאך המות איז כלו עינים, דאָס הייסט פון אויגען. אויב אַזוי קען מען צוגעבען, אַז יענער גרויסער מויער אין גאַס איז אויך אַ מלאך המות, ווייל ער געהערט צו ג. דעם אויגען דאָקטאָר.

אן ענטפער פון א קלוג קינד

שלמהלע אלט זייענדיג 7 יאהר האט געשעמט פאר א זעלטען קלוגען קינד. א שכן פיילעט געוועז, אן אלטער מאן און זייער ניט קיין פארגינער. ער קומט איינמאל אריין און הערט שלמהקעלען זאגען חכמות. אלע באוואונדערע איהם. רופט זיך פיילעט אפ: — אבער מען זאגט פארט, אז אלע די וואונדער-קינדער וואס צייכענען זיך אוים אין די קינדער-יאהרען מיט זייער חכמה זיינען זיי אויף דער עלטער גרויסע נאראנים.

— אויב אזוי — רופט זיך שלמהלע אפ גלייך אויפ'ן ארט — האט איהר אין אייערע קינדער יאהרען געמוזט זיין א גרויסער חכם.

די וועלט און דער גלאבוס

זאגט די ערד צו דעם גלאבוס, דו באריהמסט זיך אז דו שטעלסט מיט זיך פאר דעם גאנצען ערד-קוגל, טא ווארף אראפ פון זיך דעם ערשטען אות, דען זינט דער מלחמה בין איך דאס.

קאנקורענץ צווישען צייטונגען

צוליב דעם קריזיס איז די קאנקורענץ צווישען די צייטונגען גרויס געווארען. אין דעם פרייז זיינען זיי שוין דערגאנגען די נידעריגסטע שטופע און ארבייטען מיט די זייטען, ד. ה. יעדער באמיט זיך ארויסצוגעבען וואס מעהר זייטען — מיט אדווערטייזמענטס.

אן איינפאל פון א שכור

דער אלטער ר' שבח פרעגט ביי זיין פריינט פיילעט דעם שכור — פארוואס ערלויבסטו זיך אזוי פיל צו טרינקען און שכורן?

— זאלסט וויסען — ענטפערט פיילעט — אז איידער דער מענש ווערט געבוירען ווערט איהם באשטימט וויפיעל ליטער ספירט ער דארף אויסטרינקען אין זיין גאנצען לעבען. טרינקט ער עס אוים, איז גוט. אויב ניט, מוז מען איהם מיט דעם ספירט אויסרייבען אלע גלידער צוליעב פארשיעדענע ווייטאגען. אט ווי אזוי ביי דיר קומט עס פאר. איז שוין גלייכער און בעסער אין דער צייט אויסצוטרינקען.

אפגעבריט

מיט מאטקע חבר, וואס איז געוועז דער גרעסטער וויצלינג אין זיין צייט, האט זיך ווער געוואלט מיט איהם פארמעסטען פלעגט ער ענטפערען:

— ניין, חבר, איך בין דער אבער-לץ און דו ביזט דער פאד-לץ (לעץ).

די גרעסטע וועלט פּרעמיע פאַר שלום אַש

פאַרוואָס האָט שלום אַש זוכה געווען צו אַזאַ אויסצייכנונג, דאָס אויף דער אויטאָ דע פע פון די היטלעריסטען־סאַדיסטען, זאָלען זיינע ווערק פאַר־ברענט ווערען אַממעהרסטען?

דאָס איז געוויס, ווייל דער נאָמען פון מחבר רייצט זיי אויף, דען זייער גאַנצער שטרעבען און דענקען איז צו מאַכען פון — שלום — אַש.

אַ וויץ וועגען אַ משומד

א גע׳שמד׳טער צוליב קאַריערע האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אַ רב, זיינעם אַ קרוב, אַז מעהר ווי דאָס ביסעל טויף וואַסער ווייסט ער גאַר ניט. ער איז ווייטער פאַרבליבען דער זעלבער ניט־פרומער איד ווי פריהער.

ענטפערט דער רב: — אידען זיינען געגליכען צו זאַמד, כחול הים. נעמט זאַמד, טוט מיט דעם וואָס איהר ווילט, בלייבט עס אַלץ זאַמד. גיסט נאָר צו אַביסעל וואַסער, ווערט עס שוין בלאָטע...

אָל — רייט

די ווערטער האָב איך געזאָגט אין בית המדרש, ווען אַ פּראָסטער שוס־טער האָט שטאַרק אנגעהויבען פיהרען דעם עולם ביי די גבאים וואַהלען.

— ביי אונז איז אָל־רייט — האָב איך אויסגערופען. דאָס הייסט: דער אָל (די שוסטער אָל) רייט איבער אַלעמען.

וואָס טעביע מזרח

די געשיכטע וואָס איך דערצעהל דאָ האָט פּאַסירט מיט אַ צייט צוריק, ווען איך בין דאַן נאָך געווען אַ גאַנץ קליינער אינגעל. ס׳זיינען דאַן ניט געווען קיין אייזענבאַנען, די דאָרפס־מענשען האָבען געהייסען ישובניקעס און געווען זייער פאַרגרעבט.

דער ישובניק וואָס פיגורירט אין דער געשיכטע איז געווען זייער קאַרג און געלט־גייציג, אַבער מגושם פאַרגרעבט. געהאַט האָט ער אַן אכסניא, אַרענדירט פונ׳ם פּריץ, דורכפאָרער פלעגען זיך אָפּשטעלען, אריינגעהן און געבען צו לייזען. דאָרף פויערים האָבען געטרונקען בראַנפען און פאַרקויפט תבואה.

אידען דורכפאָרער פלעגען איהם תמיד פרעגען: וואו איז מזרח? כדי צו וויסען וואו צו שטעהן שמונה עשרה. דער ישובניק האָט ניט געוואוסט מיט וואָס מען עסט עס, האָט ער איינמאָל אַ פרעג געטאָן אַ דורכרייזענדען מוכר ספרים (מ״ס) צו האָט ער ניט צו פאַרקויפען מזרח? דער מ״ס האָט אַרויסגענומען אַ געמאָלטען מזרח, באַקומען דערפאַר 15 גראשען. דער ישובניק האָט געטאָן ווי דער ספרים הענדלער האָט איהם געהייסען, אויפגע־האַנגען אויפ׳ן וואַנט און געוואַרט אימיצער זאָל קומען פרעגען, אָבער מ׳האָט ניט געפרעגט.

דער ישובניק האָט גזעהען אז עס געהט אוועק א טאָג נאָך א טאָג און קיינער פרעגט ניט, האָט ער געכאַפּט דעם מזרח, אראָפּגעריסען פון דער וואנט און גלייך אין אויוועז אריין.

גראד אויף צו להכעיס זיינען געקומען א גאנצע קאמפּאניע אידען. גע־פאָרען פון א יאריד, געגומען דאווגען מנחה און אָנגעהויבען פרעגען: מזרח! מזרח! דער ישובניק, פאָרענדיג דעם צווייטען טאָג אין שטאָט האָט דערזעהן אויפ'ן מארק שטעהען קריסטען און פארקויפען הייליגע בילדער, האָט ער א פּאָר געבראכט אהיים, באצאָלט גוטע געלט, און אנגעקלאַפּט אויף אלע ווענט.

די גויים אריינקומענדיג אין שיינק און דערזעהען די הייליגע בילדער זיינען אוועק צום פריץ און פאר'מסרט דעם אידען, אז ער פארשוועכט זייערע הייליגקייטען, אויפהענגענדיג אין שיינק, וואו אלע שכורים געפינען זיך.

דער פּריץ שיקט איהם רופען, פרעגט פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן. ענטפערט ער, אז ער האָט צוגעגרייט פאר אורחים מזרח. ווערט דער פּריץ אין כעס, הייסט באלד איהם גוט מקים פּסק זיין און ביי יעדער שמיץ פלעגט ער זאָגען: — וואָט טעביע מזרח ד. ה. נא דיר מזרח. אפגע'פּטר'ט איז דער ארענדאר אוועק אהיים, אראָפּגענומען די בילדער, אוועקגעשענקט די גויים און אליין האלט ער זיך ביי דעם בערל מחילות. אין מיטן דערינען טראָגט אָן דער רוח א אידעל. קומט אריין, וואשט די הענט און פרעגט גלייך דעם ישובניק: — נו! נו! מזרח... דער צואוועהטאָגטער ישובניק ווייזט איהם מיט כעס דעם אותו מקום, און ענטפערט איהם — נאָט, ר' איד „וואָט טעביע מזרח!"...

אשה רעה מר ממות

וועגען דעם דערמאָנטען דערצעהלט א אידישע לעגענדע פאָלגענדעס:

דער אויבערשטער איז אמאָל אין כעס געוואָרען אויפ'ן מלאך המות פאר זיינע שרעקליכע מעשים און האָט איהם, אלס שטראָף, אראָפּגעשיקט אויף דער ערד און געהייסען חתונה האָבען מיט איינער פון די שלעכטסטע ווייבער, מיט אזעלכע אויף וועלכע שלמה המלך זאָגט, אז זיי זיינען ערגער ווי דער טויט. מעהר ווי א יאָהר האָט דער מלאך המות מיט דער בייזער ווייב ניט געקענט לעבען און איז אנטלאָפען. עס איז אוועק א לאנגע צייט און דער מלאך המות האָט זיך דערמאָנט אָן זיין זון, וואָס זיין בייזע ווייב האָט איהם געבוירען און איז שוין געוועזן אין די יאָהרען. ער איז צוריק געקומען אהיים, פון דער ווייב זיך אויסבאהאלטען און געזאָגט זיין זון, אז עס איז שוי צייט צו קלערען וועגען א תכלית; ער וועט איהם דעריבער מאכען פאר א דאקטאר. דער זון האָט געענטפערט, אז ער פארשטעהט דאך גאר ניט אין מעדיצין, האָט דער פאָטער געענטפערט, אז דאָס מאכט ניט אויס; אויף צו זיין א גוטער דאקטאר דארף מען גאָר ניט קענען, נאָר ער, דער פאָטער וועט איהם אלעמאָל באגלייטען צו זיינע חולאים, ער דארף מעהר ניט געדענקען נאָר איין זאך: ווען ער וועט זעהן, אז דער פאָטער שטעהט צו פוסען ביים בעט פון קראנקען, וועט יענער געוויס געזונט ווערען, וואָס פאר א רפואה דער דאקטאר וועט ניט געבען. אויב אבער ער וועט זעהען, אז דער פאָטער שטעהט צו קאָפּענס, זאָל ער זיך גלייך אָפּזאָגען דורך פערשיעדענע תרוצים צו קורירען דעם חולה, ווייל יענער וועט געוויס שטארבען.

עס איז אוועק א געוויסע צייט און דער יונגער דאקטאר איז געווארען באריהמט אין דער גאנצער וועלט, ווייל אויב ער פלעגט נאר צוזאגען, אז ער וועט דעם קראנקען אויסקורירען, פלעגט יענער אלעמאל געזונט ווערען, און אויב ער פלעגט זיך שוין אפזאגען צו קורירען, פלעגט טאקע דער חולה שטארבען.

האט זיך געטראפען, אז ביי דעם קיסר איז קראנק געווארען זיין איינ־איינציג טאכטער, א וואונדערבאר שעהנהייט. די גרעסטע דאקטוירים פון לאנד האבען איהר קורירט און ניט געקאנט אויסהיילען, דאן האט מען גע־בראכט דעם יונגען דאקטאר אין פאלאץ אריין און דער קיסר האט איהם אנגעבאטען א האלבע מלוכה, ער זאל נאר אויסהיילען זיין טאכטער. בעת דער דאקטאר איז אריין צוזאמען מיט דער גאנצער סוויטע פון קיסר צו דער קראנקער אין צימער אריין איז ער פארציטערט געווארען, איהם האט פאר־בלענדט פון די שעהנקייט פון דער פרינצעסין, אבער ביי איהר צוקאפענס איז געשטאנען זיין פאטער, דער מלאך המות. דער דאקטאר האט דאן גע־בעטען אלעמען ארויסגעהן, ווארום ער מוז בלייבען מיט דער קראנקער אליין, און האט זיך געווענדעט צו זיין פאטער ער זאל אויף איהם רחמנות האבען און פארלאזען די קראנקע. דער מלאך המות אבער האט זיך איינגע־שפארט, ער מוז די קראנקע דערשטיקען, און געראטען דעם זון, אז ער זאל בעסער אוועקגעהן, כדי ער זאל ניט קאליע מאכען זיין רענאמע. דא איז דער דאקטאר געווארען אין כעס, א טופע געטאן מיט'ן פוס און א געשריי געטאן צום פאטער: — טאטע, געה שוין אוועק! אויב ניט — רוף איך דער מא־מען! דאס האט טאקע געהאלפען, דער מלאך המות האט זיך דערשראקען און איז אנטלאפען און די פרינצעסין איז געזונט געווארען.

א ווערטעל

אויף פעטע יויך איז פאראן פיל אויגען.

די צוויי קיה

אין א דארף איז געווען א גרויסע שרפה, ס'איז פארברענט געווארען דאס גאנצע האב און גוטס פון א פארמער, פון א אידישען פאקטער. דער פארמער האט געבראכען די הענט, געוויינט און געקלאגט אויף דעם גרויסען אומגליק וואס איהם האט געטראפען. דער פאקטער איז געווען גלייכגילטיג און גאר ניט געזארגט. ווען מענשען האבען איהם געפרעגט די אורזאך זאגט ער: — איך זארג ניט. צוויי קיה האבען זיך ביי מיר אפגעשטעלט, איז גענוג פאר מיר.

— וועלכע צוויי קיה האבען זיך ביי דיר אפגעשטעלט און וואו זיינען זיי?

— זיי זיינען אין סדור, אין דאווענען שבת, אין רננו צדיקים. זיי זיינען כי בו ישמח לבנו, כי בשם קדשו בטחנו ...

משיב הרוח ומוריד הגשם

ביי דעם גוטען אידען ר' נחום קאברינער אין ביאליסטאק זיינען שמיני עצרת נאך האלבען טאג געזעסען ביים טיש חסידים און געזאגט תהילים,

געלערענט און זיך עוסק געווען אין רוחניות. געהט אריין דער רבי און זאָגט אזוי: — היינט האָט מען געזאָגט „משיב הרוח ומוריד הגשם", דאָס איז געמיינט פון ר"ח אלול איז מען זיך עוסק אין דאווענען, תפלות און לערנען. אָבער איצטער איז משיב הרוח, אראָפּלאָזען די רוחניות ומוריד הגשם, אראָפּלאָזען זיך צו גשמיות"

דער טאַטע איז שולדיג

א פאָטער א למדן האָט געשטראָפט זיין זון וואָס איז אראָפּ פון דרך הישר און איז גאָר קיין לייט ניט.

— דו ביזט אליין אין דעם שולדיג — האָט דער זון געענטפערט.

די גמרא זאָגט, אז כל הנושא אשה לשם ממון הוין ליה בנים שאינם מהוגנים, דער וואָס נעמט א פרוי צוליב געלט האָט ער קינדער ניט קיין לייט. און די מאמע דערצעהלט, אז ווען דו האָסט חתונה געהאט האָסטו נאָר גע־מיינט — דעם נדן.

וועגען טעמפּלען

ר' הירש האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אז די טעמפּלען וואָס האָבען פארביטען דעם שבת אויף זונטאג און אויסגעמעקט ציון פון זייערע תפלות, אז זיי זיינען גלייך צו תבת נח, וואָס איז מבית ומחוץ בכפר (כפר איז סמאָלע, פעך. אויך כפירה — אטעאיזם).

ער וויל רייך ווערען

צו דעם בריסקער רב ר' יאשע בער'ן איז געקומען א איד און געפרעגט צו ער זאָל פאָרען אין אמעריקע זוכען גליקען.

— און ווי געהט עס אייך דאָ? — האָט דער רב געפרעגט.

— חיונה האָב איך, דאָס הייסט, א לעבען מאך איך, נאָר איך וויל רייך ווערען — האָט ער געענטפערט.

— ניין מיין קינד—האָט דער רב געענטפערט. נענועים מאכט מען סוכות נאָר ביי הושיעה נא, אָבער ניט ביי הצליחה נא.

חתן מאָל!

דעם ערשטען מאָלצייט וואָס מען פלעגט פראווען אין דעם טאָג נאָך דער חופּה פלעגט עס הייסען חתן מאָל. דאָס איז אפשר צוליב דעם, וואָס די גמרא זאָגט: הנושא אשה נוטל ריחים על צווארו, אז מען נעמט א ווייב איז ווי מען נעמט אויפ'ן האלז א מיהל שטיין. איז ווי באלד עס איז שוין נאָך אלעמען, זאָגט מען חתן מאָל.

א ברכה פון א געלערנטע כלה

צו דעם 50סטען געבורטסטאָג פון דעם געלערענטען ה"ז סלאָנימסקי האָט א כלה מיידעל צוגעשיקט א ברכה מיט א באגריסונג און צוגעשריבען: — אל תהא ברכת כלה הדיוט בעיניך. דאָס איז פארקערט ווי די גמרא זאָגט אויף דעם מאמר אבימלך ושרה, אל תהא ברכת הדיוט קלה בעיניך, א ברכה פון א פראָסטען מענשען זאָל ניט זיין גרינגגעשעצט. (פארביטען פון קלה, אויף כלה.)

צו יאָהר צייט אין בהמ"ד ג.

איך האָב געהאַט יאָהרצייט און געדאַוונט אין ביהמ"ד ג., וואָס האָט גענוג גרויסע לומדים. אז מען האָט געפאָדערט משקה און מיין יאָהרצייט קומט אוים דעם פערטען טאָג חוהמ"ע פסח, וואָס משקה קאָסט פיעל געלד. האָב איך געמאכט א פאָרשלאָג, ווער עס וועט מיר דערוויזען פון משניות, אז איך דארף געבען וועל איך זיך אונטער און טראקטיר, האָט איינער א צורבא דרבנן באלד געטראָפען. אין אייער לערנען משניות נאָך אייער זע־ליגען פאָטער צבי, האָט איהר אין גאַנץ משניות קיין אנדער פרק ניט אויף דעם בוכשטאַב, נאָר אין מ"ס, פרה אוןביידע פרקים הויבען זיך אָן מיט צלוחית...

דער ר"ת רבי

א יונגערמאן איז געקומען צו א קליינשטעטעלדיגען רב, ער זאָל איהם געבען סמיכה אויף שחיטה. זעהט ער, אז ער נעמט צו אנדערע וואָס לייגען א מנה יפה און איהם לאָזט ער שטעהן. שרייט ער: „רבי! רבי! רבי!" פרעגט דער רב: וואָס שרייסטו אזוי רבי? ענטפערט ער: ווייל דער ר"ת פון דעם איז ר'אשיה ב'שוחד, י'שפטו.

אייגענע לויב

אין א שטאָט איז געווען א דין, גערופען האָט מען איהם ברוך, האָט מען איהם ניט ליב געהאט, מסתמא איז עס געווען פארוואָס, אבער ער אליין האָט פון זיך זעהר געהאלטען. איינמאָהל באריהמט ער זיך פאר מענשען און זאָגט: — וועדליק איך בין עהרליך און האנדעל אמת, מעג איך זיך אָנרופען „ברוך דין אמת", „רבי". האָט איהם איינער געענטפערט—אין משלי שטעהט: „יהללך זר ולא פיך", אליין לויבט מען זיך ניט, זאָלען עס אויף אייך אנדערע זאָגען...

אַ ברכה פון אַ קלוגען רב

א יונגערמאן וואָס האָט זיך געקוואָפעט אויף געלד האָט חתונה געהאט מיט גאָר אן אלטער רייכער אלמנה. אונטער דער חופה האָט דער רב פריהער

ארויפגעלעגט די הענט אויפ'ן חתן און איהם געזאָגט: „פרו ורבו", נאכ־ער אויף דער אלטער כלה און געזאָגט: „ומלאו את הארץ.

אדם ובהמה

אן אויפגעקומענער גביר, א גרויסער גראָבער יונג, האָט זיך געקויפט א „שטאָט" אין שוהל לעבען רב. פרייטאג צו נאכט האָט ער געפּראוווט פאר־בינדען א שמועס מיט'ן רב. עס געהט ניט. שבת אין דער פריה, דאס גלייכען. שבת צו מנחה, ווען דער עולם זאָגט אין צדקתך צדק אדם ובהמה תושיעה. פרעגט ער מעשה למדן — רבי, ווי קומט א בהמה לעבען א מענש?

— געה פרעג די נבאים — האָט דער רב געענטפערט.

צוויי גראַפען

איינער א לאָדזשער קאַליגראף (גראף קאלי) א דיכטער הומאָריסט, האָבען אידען פון איהם גרויס הנאה, אבער פון ארטיגראף (גראף ארטי) אין א לאַנד א פּרעמיער מיניסטער און א גרויסער אנטיסעמיט האָבען אידען פיל אויסצושטעהן.

אַן אַראַבישע מעשה מיט אַ מוסר השכל

די שטאָט חאראסאן איז געבויט אין איינעם פון די שעהנסטע געגענדען אין דעם לאַנד פערסיען און איז ארומגערינגעלט מיט די שעהנסטע גערטנער. אין דער שטאָט איז אין אמאָליגע צייטען געזעסען א רייכער אראבער עלי מוהאמעד, ער איז געווען זעהר א קלוגער, ער האָט פארמאָגט פיל פעלדער און וועלדער. זיינע פערד זיינען געווען פון די בעסטע אראבישע, וואָס האָבען א וועלט־נאָמען. א גרויסע צאָל שיפען, וואָס האָבען געדינט פאר עקספּאָרט און אימפּאָרט. קנעכט און דינסטען אָהן א צאָל, וואָס פלעגען ווארטען אויף זיינעם א פּיפּס צו ערפילען עס מאָמענטאל, זיין הארעם פול פון די שעהנסטע פרויען אין אָריענט.

און ביי דעם אלעמען איז עלי אליין געווען נידערגעשלאָגען און געפילט זיך העכסט אומגליקליך. א אינערליכער טרויער האָט איהם אויפגעגעסען זיין הארץ. די אורזאך איז געווען, וואָס זיין איינציגער זוהן, וואָס ער האָט געהאט פון זיין גרויסען הארעם פרויען, איבראהים, זיין איינציגער יורש און זעהר פארצערטעלטער איז אראָפּ פון דרך הישר, געווארען פארדאָרבען און אויס־געלאסען, זיך איבערגעגעבען צו שעהנע פרויען, גלייך צו איהם זיך קאָמ־פּאנירט פיל לעבע־יונגען און געלעבט זעהר פארשווענדעריש אויף דעם פאָ־טער'ס רעכענונג.

די וואָרנונגען און שטראָף־רייד פון דעם קלוגען פאָטער האָבען ניט געווירקט און קיין אָפּקלאנג ניט געפונען אינ'ם הארץ, וואָס איז געווען אי־בערפילט פון ליידענשאפטען.

— טייערע קינד! פלעגט עלי מוכאמעד זאָגען — צו וואָס דארפסטו

די פילע חברים דיינע, וואָס זיי זוכען נאָר דיין פריינדשאפט, ווייל זיי ווילען פון דיר וואָס מעהר געניסען. ווייך פון זיי, ווייל זיי וועלען דיר אראָפּפירען פון גוטען וועג און דו וועסט עס בעדויערען.

— פּאָטער — פלעגט איבראהאם מיט א פארדראס ענטפערען — הער אויף מיר צו דערעסען מיט דיינע פארלעסליכע רייד: גוטע פריינד, גוטע ברי־דער. וואָס נאָך קען זיין טייערער פאר א מענשען. זיי זיינען מיר איבערגע־געבען מיט ליב און זעלע, זיי זיינען מיר אמת טריי און באַרייט צו געהן פון מיינטוועגען אין פייער און וואסער. קיינמאָל קען קיינער אונזער פריינד־שאפט ניט צושטערן, דאָס איז א פעסטער בונד אויף אייביג.

— אויף אייביג! — האָט עלי סאַרקאַסטיש נאָכגעשפּאָט — ניטאָ אויף דער וועלט קיין אייביגע זאך. הער נאָר אויף זיי צו געבען פרעסען און זויפען און אנדערע פארגעניגען, וועסטו זעהן, אז די וואָס שמייכלען דיר אזוי און רעדען גלאַטינקע רייד, וועלען דיר גלייך פארלאָזען, זיי וועלען דיר ניט וועלען אָנקוקען.

אָבער די אלע רייד האָבען ניט געהאָלפען. דערוויילי איז עלי אלט געוואָ־רען, האָט ער צוגערופען זיין זוהן איבראהאם און צו איהם אזוי געזאָגט ערנסט און פארטרויערט:

— מיין זוהן! זאָלסט וויסען, אז איך בין שוין אלט און שוואך. איך פיהל אז דער טאָג פון מיין טויט איז נאָהענט. דו בלייבסט דאך נאָך מיר דער איינציגער יורש פון מיין גאנצען ריזיגען פארמעגען, בעט איך דיך, אז דו זאָלסט מיר פייערליך געבען דיין וואָרט, אז נאָך מיין טויט זאָלסטו פארלאָזען דיינע פריינט און זיך דערווייטערן פון זיי, ווייל איך האָב מורא, אז געהענדיג אין אזעלכע וועגען וועסטו פארשווענדען מיין גאנצען פארמעגען, וועסטו ווערען אָרעם און עלענד, פארלאָזען און אומגליקליך.

— אומזיסטע שרעק, פּאָטער — ענטפערט איבראהאם איראניש — איך באזיץ גענוג כח צו פארדינען מיין פרנסה, אויפ'ן ערגסטען פאל וועלען מיר מיינע פילע פריינד אויך ניט פארלאָזען.

— א גרויסער טעות — זאָגט עלי — ארבייטען קענסטו ניט, ביזט ניט אומשטאנד. די פריינד דיינע וועלען גלייך פון דיר זיך אפּטראָגען, דו וועסט זיך פיהלען אזוי איינזאם און פארלאָרען, אז דו וועסט וועלען זיך פון פאר־צווייפלונג דעם לעבען נעמען.

— אויך גוט — ענטפערט איבראהאם — קיינע בייז.

— ביזט גערעכט. מיין קינד — זאָגט עלי — דער שריט וועט מוזען אונ־באַדינגט קומען, וואָלט איך דאָס איינציגס געוואָלט בעטען, אז ווען עס וועט פאר דיר קומען אזא צייט און דו וועסט זיין געצוואונגען צו מאכען דעם שריט, זאָלסטו מיר געבען דיין וואָרט און שווערען ביי אלאה און זיין נביא מחמד, אז דו זאָלסט עס באגעהן אין דעם קליינעם קאבינעט וואָס איז אין דער הילצערנער הויז, דאָרט האָב איך שוין צוגעגרייט פאר דעם צוועק אלע מכשירים: א פּעטליע מיט א שטריק. געדענק מיינע לעצטע ווערטער. זאָלסט אומבאַדינגט יענע הויז פאר קיינע געלט ניט פארקויפען, ניט פארדינגען און קיינעם ניט איבערגעבען. דאָס זיינען מיינע לעצטע צוואה ווערטער און דאָס איינציגע וואָס איך פארלאנג פון דיר.

מאָדנע פרעמד איז אויסגעקומען די רייד ביי איבראהימען, כאָטש ער האָט ביי זיך געטראכט, דאָס דער אַלטער איז שוין אביסעל אויסגעוועפּט, און דאך האָט ער גלייך דערפיהלט דעם פּאָטערס ווילען און האָט געשוואָרען אלעס פּינקטליך צו טאָן ווי דער פּאָטער האָט איהם פארזאָגט.

און עלי האָט שוין לאַנג ניט געצויגען איז איז געשטאָרבען און באַ־גראָבען געוואָרען מיט גרויס כבוד, און איבראהים האָט געמאַכט א גרויס־אַרטיגען טרויער מאָלצייט מיט פיל ווײַן און הוליאַנקעס ווי דער שטייגער, און דערשפּירענדיג אז ער איז געוואָרען דער איינציגער פאַרוואַלטער פון אזא ריזיגען פאַרמעגען און די הענט זיינען שוין ביי איהם פרייע, האָט מען זיך ערשט גענומען א לעב טאָן מיט׳ן גאַנצען ברען, און די גוטע ברידער האָבען צו דעם צוגעהאָלפען. מען האָט פאַרשווענדעט געלט אויף אַלע כלים. גע־שליידערט מיט טויזענדער אויף רעכטס און אויף לינקס. אז עס איז אויסגע־גאַנגען די באארעס (קעש), האָט מען אָנגעהויבען אויספאַרקויפען וואָס נאָר מעגליך פאַר שפּאָט ביליגע פרייזען. די געשעפטען פאַרנאַכלעסיגט. מען האָט צו׳נב׳עט, צורויבט. עס האָט אָנגעהויבען געהן אַלעס אראָפּ, אראָפּ, ביז עס האָט אָנגעהויבען איבראהים׳ען באַזוכען דעם אונאַנגענעמער גאַסט, וואָס הייסט — „דלות”. די גוטע ברידער האָבען עס גלייך דערשפּירט ווי די אמת׳ע יאַגד הינט און זיך אָנגעהויבען ארויסרוקען איינציגוויז, אויסווייכען איהם און איגנאָרירען. ביז ער איז געבליבען איזאָלעט, אינגאַנצען איינזאַם, עלענד און נאָך אַלץ פאַרבלענדעט אין זיין נאַרישען גלויבען אין די פריינד־שאַפט פון זיינע גוטע ברידער.

און געטראָפען האָט עס אין א ווינטער טאָג. איבראהים געהט זיך אזוי פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט איבער׳ן גאַס און דאָ קומט איהם אָן אַנטקעגען לויפענדיג און איילענדיג זיין בעסטער גוטער פריינד מירזא. יענער האָט איהם אפילו געוואָלט אויסמיידען און אריבערגעהן אויף דעם אַנדערן סייד־וואָק (טראָטואר), נאָר דאָס איז שוין געווען אונמעגליך, דען איבראהים האָט איהם שוין באַגריסט מיט א שאַלאָם, האָט ער איהם גיך אָפּגעענטפערט שאַלאָם און וויל ווייטער לויפען.

— וואו איילסטו עס אזוי, חבר מירזא ? — פרעגט איבראהים.

— איך האָב קיין צייט, איך בין שטאַרק ביזי — ענטפערט מירזא. — היינט אבענד אַרדנען מיר איין ביי עליבעקן א גרויסען פייער אבענד און איך בין דער אַרדנער.

— אך, ליבער פריינד ! — רופט אויס עלי — גוט וואָס איך האָב דיר געטראָפען און דו האָסט עס מיר אינפאָרמירט. איך וויל אויך נעמען אַנטהייל אין דעם אבענד. עס האָט שוין מיר שטאַרק דערעסן די לאַנגווייליגקייט און איינזאַמקייט, זיצענדיג אין מיין הייזעל.

— אָבער דו ברויכסט וויסען — זאָגט מירזא — דאָס יעדער אַנטייל־נעמער מוז אויך אַנטייל נעמען אין די קאָסטען פון דעם אבענד און זיך בייי־שטייערן. קענסט עס היינט ביי דיינע באַדינגונגען ?

— גוט, איך וויים — ענטפערט עלי — איך וויל ניט זיין קיין לעסטיגער גאַסט. איך וועל זיך באַמיהען אויך ביישטייערן.

— נו, אויב אזוי, פריינד — זאָגט מירזא — איז ווילקאָמען. נו, זיי שלום. צום ווידערזעהן אין אָבענד .און איז גלייך אוועק. און איבראהים איז געגאַנגען לאַנגזאַם און געטראַכט, וואָס קען ער מיטברענגען. האָט ער געזוכט און אויסגעפונען א פעטע הוהן, האָט ער איהר צורעכט געמאַכט, אויסגעבראָטען און אבענד־צייט זיך איבערגעטאָן און אוועקגעשפּרייזט צו אַליבעקן און די הוהן גענומען מיט זיך.

ווען איבראהים איז צוגעקומען צו אַליבעק׳ס הויז איז שוין געווען שפּעטליך. אַלע איינגעלאַדענע געסט זיינען שוין געווען אין די ליכטיגע זאַלען און מען האָט געשמאַק געטאַנצט די עקזאָטישע אָריענטאַלישע טענץ און די

זורנע האָט געשפּילט. דער הויף איז שוין געווען געשלאָסען. קיינער האָט אפילו אין זינען ניט געהאט דעם אָרימען איבראהים, וואָס האָט זיך גערדרעהט ארום פארקאן, געקלאפּט, געשריען, נאָר אומזיסט. האָט ער זיך גענומען דראפּען מיט די הענט און מיט די פיס אויף דער וואנט פון צוים, ביז ער איז ארויף אויפ׳ן שפּיץ און זיך גענומען שנעל אראָפּלאָזען. אין דעם איז צוגעלאָפען א גרויסער הונט, וואָס איז געווען אין הויף און האָט דערשמעקט דעם ריח פון געבראָטען פלייש, א כאַפּ געטאָן בליץ שנעל די הוהן און איז גיך פארשוואונדען. איבראהים האָט באדויערט דעם אומגליק זיינעם, נאָר דאָך האָט ער באשלאָסען צוריק אהיים ניט צו געהן. ער האָט זיך געטרייסט, דאָס זיינע גוטע פריינד, וואָס האָבען אזוי לאנג און אזוי פיל גוטעס גענאָסען, וועלען איהם גלויבען און ניט פארלאָזען.

מיט דער שטימונג איז ער אריין אין דעם גרויסען ליכטיגען זאל, זיך געשטעלט אָן א זייט און קיינער האָט אויף איהם אפילו זיך ניט אומגעקוקט, גלייך ווי זיי וואָלטען איהם קיינמאָל ניט געזעהען. נאָר אביסעל שפּעטער איז צוגעגאנגען מירזא, איהם געפרעגט, וואָס אזעלכעס האָט ער מיטגעבראכט. איבראהים האָט איהם דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט און ווי אַזוי דער הונט האָט צוגעכאפּט די געבראָטענע הוהן זיינע, וואָס ער האָט מיטגעבראכט. מירזאָ האָט זיך פון איהם שפּאָטיש אפּגעקערט, צוגעגאנגען צו די לוסטיגע חברים און דערצעהלט זיי די פּאַסירונג. דער ענטפער זייערע איז געווען א גרויסער הילכיגער געלעכטער מיט א ציניש׳ען אויסרוף:

— א סקאַנדאל! א סקאַנדאַל! עס איז נאָך אזעלכעס ניט געהערט געווארען. האָט איהר געהערט? א הונט זאָל צוכאפּען א געבראָטענע הוהן! און ווייטער הויך געלאכט.

מירזא האָט איהם אויפמערקזאם געמאכט, דאָס זיין אנטהייל און אנוועזענהייט בלייבט אונמעגליך. איבראהים האָט אויפגעזאָדען פון גרויס פארדרוס אויף אזאַ פאַלשע באציהונג פון זיינע פריינט. אוועקגעגאנגען מיט שנעלע טריט אהיים, זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון זיין פאָטער און באשלאָסען זיך דעם לעבען צו נעמען, ווי דער קלוגער פאָטער האָט איהם פאָראויסגעזאָגט.

דעמאָלסט האָט ער אָפּגעריסען די זיגלען מיט דעם פאָטערס אונטערשריפט פון יענעם פארטרויליכען צימער. אָפּגעשלאָסען די ריגלען, אויפגעעפענט די טיר, געפונען אינעווייניג דעם אפּאַראַט פון תליה אין ארדנונג, אריינגערוקט די קאָפּ אין שלייף מיט׳ן פוס א שליידער געטאָן דעם פוסביינקעלע און זיך אזוי א קליינעם וויג געטאָן. איז געשעהען א וואונדער. ער אליין איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד ווענינ באשעדיגט און אויף איהם האָבען זיך א שאָט געטאָן אָהן א צאָהל זילבערנע און גאָלדענע מטבעות, פיל ווערט־זאכען, א גאנצער אונשעצבארער אוצר.

איבראהים איז אָנפאנג ווי פארשטיינערט געווארען, נאָר באלד איז ער געקומען צו זיך, אויפגעהויבען די אויגען צום סופיט און דערזעהען די עפענונג, וואָס ער האָט געמאכט מיט זיין לייכטער באוועגונג און גלייך פארשטאַנען, אז דאָס האָט איהם זיין קלוגער, גוטער פאָטער אבזיכטליך איינגעאָרדענט אזא קלוגען מעכאניזם, דאָס ער זאָל באקומען דעם גרויסען רייכטום ערשט ווען ער וועט שוין באקומען די ערפאהרונג צו וואָס גוטע לעבעיונגען קענען ברענגען. און אז ער וועט קומען צום באוואוסטזיין און זיך אויסניכטערען פון דעם טשאַד פון לײדענשאפטען, וועט ער שוין וויסען ווי

אזוי מען דארף לעבען אויף דער וועלט און ווי זיך אויפצופיהרען, און האָט אזוי געטאָן.

זיין גרויס רייכטום האָט ער ניט אנטפּלעקט מיט אמאָל, נאָר לאנגזאם, לאנגזאם, שטופענווייז. צו זיינע חברים זיך שוין ניט געוועגדעט, נאָר זיי האָבען פאַרט דערשמעקט, אז מיט איבראהים איז עפּעס ניט גלאט, האָבען זיי געמיינט, אז איבראהים האָט ערגעץ געפונען א באהאלטענעם אוצר פון זיין פאָטער׳ס אמאָליגע עשירות, האָבען זיי זיך שוין אנגעהויבען זיך דער־נעהענטערען צו איהם, ווייטער איהם ריהמען און שמייכלען און אונטער־קויפען מיט גוטע ריידעלעך און פאלשע קאָמפּלימענטען. אָבער איבראהים איז שוין געווען גאָר ניט דער זעלבער, און האָט אויסגעארבייט א פּלאן ווי אזוי זיך אָפּרעכענען מיט דיזע געמיינע יונגען, און האָט זיי ניט דערוויי־טערט פון זיך.

אין איין טאָג האָט ער געמאָלדען, דאָס ער דענקט צו מאכען א גרויסען פייערליכען באנקעט צו זיין געבורטסטאָג. אלע געוועזענע גוטע ברידער האָבען זיך פיבערהאפט גענומען פאָרבערייטען צו דעם גרויסען יום טוב, וואָס זיי האָבען גערעכענט אזוי ארום איהם צוריק צו געווינען און ווייטער אריינ־נעמען אין זייער קרייז. און דער פייער אבענד איז טאקע איינגעריכטעט געווארען גאר גרויסארטיג מיט אלע גרעסטע לוקסוס קאמפּארטען אין די גרויסע שעהנע זאלען פון זיין נייעם פּאלאץ וואָס ער האָט געקויפט. די אלע געסט וואָס זיינען געווען איינגעלאדען אויף דעם מאָלצייט, וואָס איז באַ־שטאַנען פון זיינע געוועזענע גוטע ברידער האָבען זיך זעהר גוט געוויילט, געהאלטען פייערדיגע טאָסטען לכבוד דעם בעל היובל מיט חניפות און טיטו־לען, און איבראהים האָט געהאלטען אליין אין איין דערצעהלען מעשיות און פאסירונגען פון לויטער בלאָף, אזעלכע גוזמאות וואָס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, און די אלע אנוועזענדע גוטע ברידער האָבען צו אלעם צו־געשטימט און פארזיכערט, אז דאָ סאיז אלץ אמת. צווישען אנדערע האָט ער זיי דערצעהלט, דאָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט אויף דעם אָוונט אַ זעל־טענעם אלטען וויין, וואָס מען באקומט עס היינט ניט, נאָר ליידער האָט זיך ארויסגעוויזען דאָס אין די קעלערן האָבען זיך פארפירט אזעלכע גרויסע שטארקע מייז מיט אזעלכע פעסטע ציין, וואָס האָבען צוגריזשעט די רייפען, צוגריזשעט די שטארקע אייזערנע פעסער און אויסגעטרונקען די גאנצע וויין. קענט איהר עס, ברידער גלויבען, אז דאָס זאָל קענען טרעפען?

— יא, יא — האָבען אלע מיט איין קול אויסגעשריען פאר׳שכור׳טע און צו יאכגערטע. ווי זאָלען מיר עס ניט גלויבען, ווען מיר הערען עס פון אזא גלויבענסווירדיגען מאן?

— אזוי! — האָט ער אויסגעשריען הויך און געגעבען א צייכען מיט א פייף — און באלד זיינען אנגעלאָפען פון אלע זייטען צוגעגרייטע, קרעפ־טיגע וואוילע יונגען מיט באמבוקענע שטעקענס און אנגעהויבען האקען אויף רעכטס און אויף לינקס און טרייבען די געסט. און איבראהים שרייט:

— ארויס, ארויס, חברה שקצים! א הונט זאָל ארויסכאפּען א געבראָ־טענע הוהן קען ניט זיין, אבער אז מייז זאָלען צוגריזשען אייזערנע און שטאָ־לענע רייפען איז מעגליך? — ארויס. איהר זאָלט זיך מעהר פאר מיר ניט ווייזען, פארדאָרבענע חברה.

אזוי ארום איז איבראהים פּטור געוואָרען פון דער באנדע. געהייראט, געפיהרט א גליקליך צופרידענעם לעבען און דערמאָנט שטענדיג זיין קלוגען פאָטער מיט א ברכה.

שמונה עשרה׳דיגע פיש

מען דערצעהלט, אז ווען ר׳ הערשל איז געווען אַ אינגעל איז ער געווען אַ גרויסער שטיפער, אבער אַ פקח. קומט ער איין מאָל פרייטאג נאָך האלבען טאָג אריין אין שפייזארנע, געפינט אַ גאנצען פאַלומעסאַק מיט געקאָכטע פרישע פיש, כאַפּט דעם גרעסטען חלק און עסט אויף. די מאמע האָט זיך ארומגעזעהען, עס דערצהעלט דעם פאָטער און באלד שטרענג געפרעגט דעם אינגעל צו דאָס איז ניט זיין ארבייט און פארוואָס האָט ער עס געטאָן.

— עס איז אַ מצוה צו פאַרזוכען — ענטפערט ער — דען אין שמונה עשרה שטעהט: טועמיה חיים זכו — ד. ה., ווער עס פאַרזוכט שבת׳דיגס איז ער זוכה צו לעבען.

— גוט. ענטפערט דער פאָטער מילדער און שמייכלענדיג — אבער וואַרום האָסטו אויסגעקליבען די גרעסטע שטיק?

— אויך צוליב דעם — ענטפערט ער גלייך אויפ׳ן אָרט — ווייל ווייטער ווערט געזאָגט: וגם האהבים דבריה גדלה בחרו, ד. ה., ווער עס ליבט שבת׳דיגע זאכען, קלייבען אוים דאָס גרעסטע.

עסען און טרינקען

די גמרא זאָגט, אז עד ארבעין שנין מיכלי מעלי מכאן ואילך — משתי מעלי, ד. ה. ביז 40 יאָהר איז גוט צו עסען געשמאַק און מיט אפעטיט. פון פערציג יאָהר אָן איז שוין בעסער צו טרינקען מעהר. זאָגען אבער אנדערע, אז דאָס נעמט זיך פון די פסוקים אין בשלח, נעמליך, עס שטעהט — ובני ישראל אכלו את המן ארבעים שנה, אז די אידען האָבען געגעסען דעם מן 40 יאָהר, נאכהער שטעהט — ואמר משה אל אהרן: קח את הצנצנת, נעם דאָס גלעזעלע (אַ קליינער וועלט טעות, פּרוּאווט עס זעהן אינעווייניג.)

בשר שנתעלם מן ההעין

ווען דער חשוב׳ער ר׳ לייבעלע איז אריינגעקומען אין אן אכסאניע עסען, האָט מען איהם דערלאַנגט אַ טעלער ארומגעלייגט מיט קארטאָפעל קאַשע, מערעלעך, רייז און אין מיטען אַ שטיקעלע בשר שנתעלם מן העין. — הערט נאָר—רופט ער זיך אָן צום קעלנער—איך בין אַ פרומער, נאָר אַ ווייב האָב איך, איז זי נאָך פרימער פון מיר. אייער פּאַרציע פלייש דערמאָנט מיר אָן איהר. איך קום אין אבענד שפּעט פון בית המדרש, זי דאַווענט און דאַווענט. נעם איך און פארלעש דעם לאָמפּ, נעמט זי לייענען קריאת שמע. זאָגט זי: מימיני מיכאל משמאלי גבריאל ומאחורי רפאל. פרעג איך בשעת מעשה— און וואו בין איך?

ביי אַ דין תורה

דאָס זיינען איניציאַלען ר״ת פון די ווערטער אין תלמוד לא היו דברים מעולם, אז ביי אַ סכסוך צווישען צדדים ביי בית דין אדער בוררים טענה׳ט

איינער: דאס איז א ליגען, עס איז גאר קיינמאל ניט געווען, און מיט דעם געווינט מען דעם דין.

ביי איינעם האט מען געמאנט געלט. ער איז געווען א פראסטער יונג אבער א דורכגעטריבענער. ער האט געוואוסט, אז דער רב איז א בלאטער יונג, אז מיט א מתנה קען מען מיט איהם אלץ מאכען. איז ער אוועק צו איהם געגעבען א שעהנעם שוחד און באקומען פון איהם א עצה, אז ער זאל טענה'ען להדם, און אזוי איז געווען. יענער גראד, א איד א פקח, א ת"ח מאנט און דער שרייט—ליי אטדאם! ליי אטדאם!

— וואס ווילט איהר — רופט זיך אפ דער רב צו דעם תובע (מאנער). ער טענה'ט דאך א גערעכטע טענה להד"מ.

— אבער איך טענה אויך — להד"מ — ענטפערט דער תובע.

— האט קיין פאראיבעל מיט אייער להד"ם פארשטאקט איהר די פאר־זיציע פון אייער געגנער. ווארום להד"מ באטייט, לא היו דברים מעולם.

— איך פארשטעה און ווייס וואס איך רייד — ענטפערט דער תובע. נאך מיר נאך קומט אוים דער ר"ת פון להד"מ אנדערש. נאך דעם פסוק פון ישעיהו: למדו היטב דרשו משפט. פארשטעהט איהר, רבי?

כסף וזהב

א עילוי האט געפרעגט זיין רבן דעם ראש ישיבה פון ל. — זהב איז דאך טייערער און שטעהט אויף א העכערער מדרגה פון כסף, טא פארוואס איז דער נקוד פון זהב צוויי קמצ'ן, וואס דער באדייטונג איז: קארגשאפט. און כסף — מיט צוויי סגלען, וואס די באדייטונג איז — געשעצט, געליבט. והייתם לי סגולה מכל העמים?

— ביזט גערעכט, מיין קינד — האט דער ראש ישיבה געענטפערט — איז דערפאר זאגט מען אונז צו אין שיר השירים, אז לעתיד לבא. איז — תורי זהב נעשה לך עם נקודות הכסף—אז די צייל'ען זהב וועט מען שוין מאכען מיט די נקדות פון כסף.

חזן וקהל

אין א שטאט איז געווען א גרויסע מחלוקת צווישען קהל מיט'ן חזן, וואס ביידע זיינען געווען שולדיג אין שנאת חנם. איז מען געקומען וועגען דעם צום רב פון ק. אויסהערענדיג די טענות פון ביידע צדדים, זאגט ער, וועגען אייך מיינט עס דער פיטן און די יוצרות פון פ' זכור, וואו עס שטעהט — ימח שמו וזכרו, ונמח זכורו מלהזכירו—חזן וקהל.

נעשה ונשמע

אין תנ"ך געפינט מען דריי מאל ונשמע. 1) נעשה ונשמע. 2) ונשמע קולו בבאו אל הקודש, און 3) ונשמע פתגם המלך. זאל עס קענען אויך געהן אויף די דריי תקופות פון רבנישן וועזן אין דער אידישער געשיכטע, ווען

מען איז געװען גענוג פרום, זײנען געװען די רעדעס פון די רבנים נאָר אײנגעהאַלטען, אַז די פרומקײט זאָל ניט געמינערט װערען. הײסט עס: פרײ־הער נעשה, נאכהער ונשמע. אַז די לאַגע איז געװאָרען ערגער, פלעגען שױן דאַרפען די גדולי התורה שטראָפען דעם עולם, זאָגען מוסר דרשות אין די שוהלען און בתי מדרשים, אבער מען פלעגט פאָלגען, הײסט עס: ונשמע קולו בבאו אל הקודש. הײנט, אַז עס זײנען נתרבה געװאָרען די פריצי הדור, די פורצי גדר און װער עס זאָל מוכיח זײן אין ניטאָ, באַשטעהט נאָר די גאַנצע רעדעס בײ נאַציאָנאַלע ימים טובים מטעם המלכות, בײ פאַראַדען און פײערטעג, הײסט עס: ונשמע פתגם וד"ל.

בײדע װײט פון אמת

אין א שטאָט פון מחלוקת האָט דער געגנערישער צד אראָפּגעבראַכט נאָך א רב, װאָס האָט געװאָלט אריבערשטײגען דעם ערשטען מיט פרומקײט. איז בײ קריאת שמע, װען דער ערשטער האָט געהאַלטען בײ והיה לכם לציצית האָט דער צװײטער נאָך געהאַלטען בײ ועצר את השמים. זאָגט משה פקח, װי עס זאָל ניט זײן אבער פון אמת זײנען זײ בײדע װײט. ר' אײזיל סלאָנימער פלעגט אױסגעהן שמונה עשרה גאָר גיך. ער פלעגט זאָגען—יענע רבנים—געהן אױס נאָך דער שטאָט, בײ מיר איז פאַרקערט, די שטאָט געהט אױס נאָך מיר.

װעגען הספדים

די גמרא זאָגט (שבת ק"ה) אז װער עס לאָזט טרערן נאָך א מענשען אן עהרליכען, צעהלט זײ גאָט און לײגט עס אװעק אין זײן שאַטץ קאַמער.

געמײנט איז דער מין צעהלען געגען יענעם סאָרט ספדנים, װאָס בשעת מעשה פאַרגעסען זײ זיך, רעדען זיך פאַנאַנדער גאָר װעגען זײטיגע זאַכען, אדער מײנענדיג אײגענע אינטערעסען, אדער װײזען זײער רעדנער טאַלאַנט און לומדות מוז מען דעריבער באַזונדער אױסטײלען יענע װערטער װעלכע געהערען נאָר צום נפטר אלײן און זײ באַהאַלטען.

קדושים תהיו

יענע פסוקים אין דער סדרה קדושים, װאָס די תנאים האַלטען זײ פאַר די װיכטיגסטע פון דער תורה קענען האָבען אױך א באַדײטונג צו דער הײנ־טיגער צײט פון פריצות וחלול שבת און חנוך, װאָרום הרבה פנים לתורה.

די גמרא זאָגט, אַז שלשה שותפין באדם, הקב"ה ואביו ואמו: גאָט און עלטערן. דער חלק פון הש"ית איז די נשמה. אױף דעם זאָגט דער פסוק: קדושים תהיו, הײליג זאָלט איהר זײן, װאָרום מײן חלק: די נשמה איז אױך הײליג. כי קדוש אני ה' אלהיכם. נאָר איש. יעדער מענש אמו ואביו תיראו. פאַר די אנדערע צװײ שותפיו אמו ואביו דאַרפט איהר מורא האָבען. זײער חנוך און בײשפיל איז אמת'ע סם. אָט צום בײשפיל: חלול שבת. בעט איך

ביי אייך, קינדער, קוקט ניט אויף זיי. ואת שבתותי תשמרו. היט מיינע שבתים.

איינער א דיין וואס מען פלעגט ביי איהם פאר געלט קענען פועלן א טובה האט ביי איהם פארשפילט א בעל דין א געלט תביעה, וואס האט גע־וואוסט, אז זיין צווייטער צד האט דעם דין געגעבען א שעהנע מתנה. איין מאל שבת ערב ראש חודש צו מנחה גיט דער דין א פאטש אין סטענדער מען זאל ניט זאגען קיין וצדקתך צדק.

— רבי — רופט זיך אן דער קלוגער בעל דין — אין אייער „א מנחה" זאגט איהר דאך יא וצדקתך צדק!

מקוים א פסוק פון דער תוכחה

ווען אן אלטער פאטער פלעגט באקומען שטיצע פון דער אמעריקאנער רעגירונג פאר זיינעם א זוהן וואס איז דער'הרג'עט געווארען אין דער מלחמה און פון דעם זיך אויסגעהאלטען, פלעגט ער זאגען — איצט ווערט עס פאר־ווירקליכט דער פסוק ואכלת בשר בניך.

היינטיגע אפיקורסים

וואס פאר א ברכה דארף מען מאכען אויף היינטיגע מינים?

אויף דער פראגע איז פאלגענדער ענטפער — אמאליגע פריידענקער זיינען געווען א פראדוקט פון פילאזאפישע שטות, חקירות און סקעפטישע באציהונגען צו די העברעע יסודות פון רעליגיע, הייליגקייטען און טראדי־ציעס. זיי זיינען געווען גרויסע לומדים, קענער, וויסענשאפטליכע מענשען.

היינטיגע צייטען זיינען די אלע באגריפען פארשוואונדען. עס איז גע־ווארען א וועלט פון הפקרות פריצות און עם הארצות און דער גרויסער באַ־גערהר צו אלע זעלישע ליידענשאפטען, סעקסועלע נייגונגען, פרעסן, זויפן, קארטען שפילען, העסליכע פלירטען, מעשים מגונים. איז די איינציגע ברכה וואס עס קומט אויף זיי איז — בורא מיני מזונות — דאס איז די מינות זייערע, אפקורסיש ווערען באשאפען, מזונות פון אויסגעלאסענהייט וד"ל.

מתן בסתר

א שידוך האט מען גערעדט א בחור א וואויל־לערנער. ווען ער האט דערזעהען די כלה, וואס האט געהאט א גרויסען ניט קיין שעהנעם נאז. זאגט ער צום שדכן אויף העברעאיש, אז די כלה זאל ניט פארשטעהן — יגורתי מפני האף (איך שרעק זיך פאר דער נאז). די כלה, וואס האט גראד גוט פארשטאנען העברעאיש, האט זיך אנגערופען — מתן בסתר יכפה אף. (ד"ה

א גוטער נדן וועט פארבויגען דעם חסרון פון דעם נאָז) און דער שדוך איז מיט מזל געווארען.

א ראיה פון דער גמרא

פרעגט איינער אין א גרויס געשעפט ביי אן אָנגעשטעלטען — ווי קומט עס וואָס איהר אלע ארבייט און דער שעף טוט גאָרנישט?
— דאָס איז, ווייל די גמרא זאָגט — שב (שעף) ואל תעשה עדיף.

דער קאַרגער הלל

אזא מענש איז געווען אין דער שטאָט ב. האָט איהם איינער אריינגעזאָגט — איהר ווייסט אז ווען דער בית המקדש איז געווען איז אויך געווען אזא מענש ווי איהר, דען אזוי געפינען מיר אין דער הגדה—כן עשה הלל, בזמן שבית המקדש היה קים היה „קורח". ד. ה. ווען דער בית המקדש איז געשטא־נען איז דער הלל אויך געווען א קורח.

יין כנסכו

אין ווילנע איז געווען א ניסקע אן אפיקורוס. ברענגט ער אויף פסח ווייך צו פארקויפען, האָט דער דאמאָלסדיגער גרויסער רב אבעלע סאסווילער גע'אסר'ט די ווייך ווי יין נסך. קומט ער אריין צום רב און זאָגט — רבי, צי אז איך בין טריף דארף שוין מיין ווייך אויך זיין טריף? — געוויס אזוי — ענטפערט דער רבי. אין דער תורה שטעהט בפירוש — ויין כנסכו, דאס הייסט, אז ווייך איז ווי ניסקע.

שירה און שיר

נקבה און זכר, זאָגט דער מדרש, אז שירה געהט אויף היינטיגע צייטען. אין גלות און שיר — לעתיד לבא נאָך דער גאולה. ערקלערט עס דער דובנער מיט א שעהנעם משל:
ביי א ברית פרעהען זיךביידע: דער פאָטער און די מוטער, אבער זייער פרייד איז פארשיידען. דער פאָטער זינגט, עס איז אָנגעקומען גאנץ לייכט, די מוטער דאגעגען האָט זיך פריהער געגנוג אנגעליטען פון שוואנגערן און געווינען. אזוי אויך אין היינטיגע צייטען זיינען די פרייד לידער א רעזולטאט פון איבערגעקומענע צרות, פארלייכטערונגען פון גזרות, פטור פון א פרעה'ן, א המן, און נאָך אזעלכע עהנליכע טרויעריגע ערשיינונגען: אן עלילת דם, אז מען געפינט דעם קריסטליכען רוצח, געפונענע קוויטאנציעס פון פארלע־גענע שטייערן, הייסן זיי שירה. שפעטער וועלן די לידער זיין נאטירליכע איז דאן — ביום ההוא יושר ל"ה שיר חדש.

חסד של קדושים

א מענש ניט קיין פיינער איז געווארען שטארק געדריקט, האָט ער זיך געווענדעט צו דעם נודע ביהודע ער זאָל איהם געבען א מליצה בריף צו א באקאנטען גדול, האָט דער נודע ביהודה געשריבען, אז דער באטרעפענדער פערזאן איז ווערט מ'זאָל טאָן מיט איהם חסד של קדושים. קיינער האָט עס ניט פארשטאנען, נאָר דער גדול האָט זיך אנגעשטויסען, אז דאָס מיינט דער גאון נודע ביהודה אויף דעם וואָרט חסד, וואָס ווערט געבראכט אין סדרה קדושים, וואָס דער באדייט איז — חסד — א שאנדע.

ר' בונים מפשיסכער'ס אַ וואָרט

אויף די ווערטער אין דער תורה — והאיש משה עניו מאד — אז משה רבינו איז געווען א גרויסער עניו, האָט דער רבי ר' בונים געזאָגט, אז א איד דארף זיין שטענדיג קליין. ווערט ער גרעסער איז ער באלד אוים איד, נאָר א גרויסער וואָו...

על שלשה דברים העולם עומד

ר' חיים שלום וויטעלס, דער באקאנטער רב, פלעגט זאָגען בדרך הלצה — על שלשה דברים העולם עומד — אויף דריי זאכען שטעהט דער עולם און ווארט אויפ'ן רב: על האמת ביי קריאת שמע ביז דער רב וועט אויס־לאָזען דעם וואָרט „אמת" ועל שלום, ביי שמנה עשרה, ביז ער וועט צו־קומען צו עושה שלום, ועל הדין ביי איינעגע רבנים אויך ביז דער רב וועט אמאָל פסקענען א ריכטיגע דין תורה.

א מתנה דעם שווער

גרונם האָט געהאט א איידעם, וואָס האָט געוואָלט ארויסקריגען זיין שווערס רייכטהום נאָך ביי זיין לעבען, נאָר יענער האָט זיך ניט געלאָזען. פארט דער איידעם אין ארץ ישראל און אנשטאט א פרדס פאר זיין שווער, קויפט ער נאָר א גן. ווען ער קומט צוריק, פרעגט מען איהם די אורזאכע. ענטפערט ער:

— איך וואָלט שטארק געוואָלט דאָס מיין שווער זאָל שוין זיין אין גן איידעם (גן עדן).

א שיינער שפיל-וואָרט

געהט אין לעמבערג אין גאס אן ארטיגער חשוב'ער בעל הבית אין א טאָג פון פסח און טראָגט א שירם, ווייל עס איז געווען רעגענדיג. טרעפט איהם אָן דער גרויסער לעמבערגער רב ר' יוסף שאול נאטאנזאָן, זאָגט ער צו איהם:

— מיר האָבען דערפאר דעם גרויסען פייער יום טוב פסח, ווייל מיר האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך פרעה"ס עול, און דו נעמסט גאָר היינט אויף זיך פרעה'ס עול (דעם פאראסאל).

פריהער ניט איצט, יע

דער גאון ר' יחזקאל לאנדוי בעל נודע ביהודה האָט באקומען א כתב רבנות פון פּראגער קהלה און ניט געוואָלט אננעמען די שטעלע, אבער אז ער האָט זיך דערוואוסט דאס דער גרויסער למדן ר' זרח איידליץ נעמט אָן די שטעלע, האָט ער שוין מסכים געווען צו ווערען רבי.

פרעגט איהם ר' זרח — בתחילה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר? — פארוואָס עפּעס פריהער ניט און ערשט יע?

האָט דער נודע ביהודה געענטפערט — צו ווערען א רב דארף מען צוליב צוויי טעמים: ערשטענס, מען זאָל פיהלען אז רוח הבריות נוחה הימנו — וועט זיין רוח המקום נוחה הימנו, און צווייטענס, כדי מען זאָל איהם מוחל זיין אויף זיינע עוונות, ווי די חז"ל זאגען — כל העולה לגדולה מוחלין לו על כל עונותיו — אז מען ווערט מפורסם פארגיט איהם די עברות. איז פריהער האָב איך גערעכענט אז מען קען זיך באנוגענען מיט אכתב רבנות אליין, וואָס דאָס ווייזט, אז רוח הבריות נוחה הימנו. אבער איצט, אז איך זעה אז ר' זרח נעמט אויף זיך צו זיין א רב, געהט דאך שוין אראָפּ דער ערשטער טעם, ווייל פיל, פיל ווילען איהם ניט. איז דאך דער טעם, אז מוחלין לו על כל עונותיו. בין איך שוין דעריבער אויך בארייט צו ווערען רב.

פון די מדות טובות פון אונזערע גאונים

ביי ר' עקיבא אייגער האָט אמאָל אין א סדר נאָכט א אורח, צוליב אונ־פאָרזיכטיגקייט אויסגעגאָסען זיי כוס וויין און באפלעקט א שניי ווייסע טישטוך. אַלע האָבען דעם אורח אָנגעקוקט מיט כעס און דער אורח איז מבויש געוואָרען און באקומען אַלע קאָלירען אויפ'ן פנים.

ר' עקיבא אייגער האָט ניט געקענט צוזעהען די בושה פון ארעמען אורח, האָט ער מיט זיין ארבעל, אזוי ווי אומגערן, א שאָקעל געטאָן זיין אייגענעם כוס, וואָס האָט זיך דאָסגלייכען אויסגעגאָסען איבער'ן טיש.

— דער טיש וואקעלט זיך — האָט ר' עקיבא באמערקט — דער פאר־שעהמטער אורח האָט פרייער אָבגעאָטעמט. אויף צומאָרגענס האָט מען גע־מוזט אוועקשטעלען צום סדר אנאנדער טיש און דער אורח האָט געהאט זיין סאטיספאקציע.

א גלייכער שדוך

צוויי משפחות האָבען געטאָן א שדוך מיט זייערע קינדער. נאָך די תנאים, האָבען די ביידע מחותנים באשלאָסען, אום אויסצומיידען בייזע צינגער זיי זאָלען ניט וועלען אָנרעדען בייז אויף דעם חתן, אויף דער כלה צי אויף די מחותנים כדי קאַליע צו מאַכען דעם שדוך, אז זיי וועלען פאר־

שפארען די רכילות טרייבער זייער טרחה און בעסער איינער דעם אנדערען אויסדערצעהלען זייער יחוס און אויסרעכענען אלע זייערע פעלערען.

הויבט אן איינער פון זיי צו דערציילען:

„מיין טאטע איז געווען א פערד גנב. א שכור. געזעסען אין טורמע פאר הרג'ענען א מענשען. מיין שוועסטער האט זיך גע'שמד'ט און פיינט געהאט א אידען תכלית שנאה. איך אליין בין אויך א גאנצער ליט, איך האב ניט פיינט דעם ביטערען טראפען און איך טו אויך כל דבר אסור".

אז דער מחותן האט פארענדיגט זיין ביאגראפיע, האט ער געבעטען דעם צווייטען, ער זאל דערצעהלען זיין יחוס.

יענער האט עס אבער שוין פארשפארט צו טאן:

— איך האב אייך שוין ניט וואס צו דערצעהלען — האט ער געזאגט — איהר קענט זיך שוין פארשטעלען ווער איך בין, אויב ביי מיר איז רעכט צו טאן א שדוך מיט אייך...

א ווייטער קוק

נישט געהן דאווענען אין בית מדרש אלע טאג, בפרט נאך שבת אדער יום טוב האט זיך גערעכענט אמאל אלס גאר א גרויסע פארברעכען און אן אפיקורס. אפילו פארשפעטיגען און קומען אין מיטען דאווענען איז אויך שוין געווען א מין קלות הדת.

איינער א פארטגעשריטענער, שוין געווען געכאפט אין דער מעשה פון בערלינער השכלה, פלעגט פונקטירען און קומען שבת צום אויסנעמען די ספר תורה.

דער רב פון יענער שטעדטעל האט איהם ווענען דעם אויסגערעדט און אויפמערקזאם געמאכט, אז ער דארף זיך אזוי ניט אויפפירען.

— איך טו דאס ניט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין — האט זיך דער פריידענקער פארענטפערט — איך טו דאס אבזיכטליך, מיט א כונה. מיר נעפעלען די ווערטער אין דער תפלת בריך שמיה, וואס מען זאגט ווען מען נעמט אויס. נעמליך: יהא רעוא קדמך, דתוריך לן חיין בטבותא, ולהוי אנא פקידא בגו צדיקא". איך קאמענטיר עס מיט אזא פנים: זאל זיין דער ווילען פון באשעפער, אז ער זאל מיר דערלייגערען דאס לעבען מיט גוטעס, איז דעמאלט וועל איך אויך (אזא פרייער, וואס קומט נאך אין בית המדרש אריין דאווענען אין א שבת און שפעט) פאררעכענט ווערען פאר א צדיק". עס האלט שוין טאקע דערביי...

א מאמעס הארץ

א יונגער בחור האט זיך אמאל ביז משוגעת פארליבט אין א יונער פרוי און האט יעדעס מאל, אין שטורם פון זיינע ליבעס-געפילן, פארזיכערט, אז ער איז גרייט צו געהן פאר איהר אין פייער און וואסער. איינמאל, אין א מאמענט פון גרויסער ליבע, האט דאס מיידעל דעם יונגען בחור דערקלערט, אז זי וועט גלויבען זיינע הייסע גיפלען צו איהר, ווען ער וועט ברענגען פאר איהרע פיס דאס אויסגעשניטענע הארץ פון זיין אלטער מוטער. דער יונגער בחור האט קיין סך נישט געטראכט און אין א קורצער צייט ארום איז ער

מיט'ן משוגע'נעם אימפעט געלאָפען צוריק צו זיין געליבטער מיט דער האַרץ פון זיין מוטער אין דער האַנט. לויפענדיג, איז ער אַנידערגעפאַלען און האָט זיך פאַרוואונדעט. אין דעם מאָמענט האָט זיך דאָס מוטער האַרץ צונויפגעקאָרטשעט און אַ שטאַרקען זיפץ געטאָן:

„מיר זאָל זיין פאַר דיר, מיין קינד!"

אַ וויץ פון סאָוויעטן-לאַנד

אין שול פרעגט אַ לערער אַ שילער אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע און פאָרמולירט מיט אַביישפּיל מיט אַזאַ אופן:

ווען, למשל, דיין פאָטער קויפט אַ פוטער פאַר פופציג רובל און פאַר־קויפט עס אַן אַנדערען פאַר 75 רובל, וואָס פאַרדינט ער דערביי?

— ער פאַרדינט — ענטפערט דער שילער — 3 יאָהר שווערע טורמע און אַלע בירגערליכע רעכט און אַ שאַנד פאַר זיינע קינדער. אַזוי, אַז איך וואָלט שוין ביי אייך אין שול ניט געקענט לערנען.

אַ כעלמער חכם

קומט צו פאָרען קיין ווארשע אַ כעלמער. גייט ער אַרום איבער דער שטאָדט און האַלט אין האַנט אַ נאָטיץ ביכעל מיט אַ בליישטיפט.

פרעגט איהם זיינער אַ באַקאַנטער, צו וואָס ער האַלט עס. ענטפערט ער: „טאָמער דאַרף איך איבערגעהן די גאַס און אַן אויטאָ וועט מיך אי־בערפאָרען, זאָל איך גלייך קענען פאַרצייכענען דעם נומער פון אויטאָ".

מנחם מענדיל הלוי זאַגער
רב בעיר דעטראָיט, מיש.
RABBI M. ZAGER
DETROIT, MICH.